STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05213

DI SOTSYALISTISHE BEVEGUNG

Charles H. Vail

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארויסגעגעבען פון
דער אידישער אגיטאציאנס ביורא.
No. 1

דיא סאציאליסטישע בעוועגונג

פון
רעוו. טשארלז ווייל

איבערזעצט פון מ. זילווערמאן

שיקאגא, יאנואר, 1909 פרייז 5 סענטס

מייטעס אונד קא., פרינטערס, 885 וועסט 12-טע סטריט, שיקאגא
183

דיא

אידישע אגיטאציאנס ביורא

איז דיא אידישע אבטהיילונג פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי פו
אמעריקא. די אידישע אַגיטאַציאָנס ביורא בעשטעהט יעצט פון 45 ברענ
טשעס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי מיט איבער טויזענד מיטגליע
דער. דיא „אידישע אַגיטאַציאָנס ביורא“ האָט אלס איהר אויפגאבע צ
מאַכן דיא אַרבייט פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וויא אָנצופיהרע
סאָציאַליסטישע אגיטאַציאָן מונדליך און שריפטליך צווישען דיא אידישע
ארבייטערמאַססען אין דער אידישער שפראך. גענאָססען אין שטעדט וואָס
ווילען זיך ארגאניזירען אין ברענטשעס פון דער פאַרטיי אדער נאָך אלע
אנדערע אינפארמאציאָן וועגען דער ביורא זיך ווענדען צו אונזער סעק
אויף פאלגענדען אדרעס:

MAX KAUFFMAN, 186 Eugenie Street, Chicago

לעזט און פערשפרייט דיא „אידישע אַרבייטער וועלט“ אפיציעלעו
ארגאן פון דער אידישער אגיטאַציאָנס ביורא ערשיינט וועכענטליך. סוב
סקריפשאן פרייז 1 דאָללאר א יאָהר, 50 סענט 6 מאָנאט, 25 סענט דריי
מאָנאט.

ארויסגעגעבען פון
דער אידישער אגיטאציאנס ביורא.
No. 1

די סאציאליסטישע בעוועגונג

פון

רעוו. טשארלז וויל

איבערזעצט פון מ. זילווערמאן

שיקאגא, יאנואר, 1909

פרייז 5 סענטס

צו אונזערע לעזער

גענאָסען און פריינדע:

מיט דיעזע בראשורע פאנגט דיא אידישע אגיטאציאָנס ביורא אָהן די ארויס־גאבע פון ליטעראטור און דורך דעם צו פערשפרייטען ליכט און אויפקלעהרונג צווישען דיא אידישע ארבייטער מאסען. זייט א לאנגע צייט האָט זיך געפיהלט אין דער אידישער ארבייטער־ב[illegible]ן אמעריקא, דער פערלאנג נאָך אזעלכע בראָשורען און שריפטען וועלכע זאָלען אויפקלעהרען דיא ארבייטער־מאסען איבער פערשיעדענע פראגען פון דיא ארבייטער־בעוועגונג. ליידער אָבער איז ביז יעצט אונזער בעוועגונג געווען אין אזא צושטאנד, אז דאָס האָט ניט געקענט פערווירקליכט ווערען.

דיא אידישע אגיטאציאָנס ביוראָ זו"ט איהר גרינדונג, האָט זיך געמאכט פאר איינע פון איהרע אויפגאבען צו שאפען אזעלכע בראָשורען, און מיר האָפען דאָס דאמיט וועלען מיר ערפילען דעם פערלאנג פון פיעלע וואָס אינטערעסירען זיך מיט אונזער בעוועגונג, און אויך העלפען אונזער בעוועגונג צו ברייגנען צו א העכערען שטאנד וויא זיא איז יעצט. אונזער פלאן איז, אָנצופאנגען מיט קליינע 5 סענטיגע בראָשורען און מיט דער צייט זאָלען מיר אויך קענען ארויסגעבען מעהר ווייסענשאפטליכע און גרעסערע ווערק. מיר וועלען ארויסגעבען ליטעראטור איבער סאָציאליזמוס, טרייד־יוניאָניזמוס, ליטעראטור, קונסט, א. ז. וו., אום צו געבען דיא מאסען וועלכע האָבען ניט געקענט געניסען קיין עלעמענטארע בילדונג א געלעגענהייט עפעס צו לערנען, און פאר דיעזען צוועק האָבען מיר זיך געווענדעט צו דיא פראָמינענטסטע סאָציאליסטישע שרייבער אין אמעריקא.

פאָלגענדע שרייבער האָבען צוגעזאָגט צו שרייבען פיר אונזער ווערק:

ש. זאקס, (רעדאקטאָר פון דיא „אידישע ארבייטער וועלט"); וו. עדלין, יעקב מילך; ל. ראָזענצווייג; דר. ספעיר, און נאָך אנדערע. מיר האָבען א געלעגענהייט אין א גאנץ קורצע צייט צו שאפען א ריינע ארבייטער ליטעראטור, און דאָ ווענדען מיר זיך צו אייך לעזער, אויב איהר זייט א סאָציאַליסט אָדער ניט, אונז צו העלפען אין דער ארבייט, און העלפען קענט איהר אונז אויף אזא ארט, אז עס זאָל אייך גאָר ניט קאָסטען און פאר אונז זאָל דאָס זיין א גרויסע אונ־טערשטיצונג. ווען איהר זייט איינפערשטאנען מיט אונז און ווילט אונז העלפען שאפען אַן ארבייטער ליטעראטור, דארפט איהר טהאָן א קלייניגקייט. קויפט ביי אונז עטליכע קאָפּיעס און טרייעט דאָס צו פערקויפען צווישען אייערע פריינד. 10 קאָפּיעס צום ביישפּיעל וועט אייך קאָסטען 50 סענט. אז איהר וועט דאָס פערקוי־פען, וועט איהר אייער געלט ארויסנעהמען צוריק און איהר וועט אונז העלפען ער־רייכען א דאָפּעלטען צוועק: ערשטענס וועט אונזער ליטעראטור ווערען געלעזען, וואָס דאָס איז אונזער הויפּטציעל, צווייטענס וועלען מיר גאנץ שנעל ארויסנעהמען דיא געלט וואָס אונז קאָסט דער ארויסגעבען דיא בראָשורע און מיט דיא געלט וועלען מיר באלד קענען ארויסגעבען א צווייטע א. ז. וו.

מיר ערווארטען דאָס אלע לעזער, וועלכע זיינען איינפערשטאנדען מיט אונז אין דעם פּלאַן צו שאפען א ריינע און ניטצליכע ארבייטער ליטעראטור וועלען זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט און העלפען אונז געהן פאָרוועררטס מיט דער ארבייט. אַלע אָרדערס וועלען פּינקטליך אָטענדעטווערען. אָרדערט א געוויסען צאָהל קאָפּיעס, פיעל איהר דיינקט איהר קענט פערקויפען און נעהמט אויך אַן אנטהייל אין דער אויפבויאונג פון א גוטע און געזונדע ארבייטער־בעוועגונג צווישען דיא אידישע ארבייטער־מאסען אין אַמעריקא.

נאָך אלע נויטהיגע אינפאָרמאציאָן וועגען ליטעראטור און דיא אידישע אגי־טאציאָנס ביוראָ אין אלגעמיין, זיך צו ווענדען אויף פאָלגענדען אדרעסס:

פאררעדע

וויא אנדערע גרויסע, מעכטיגע בעוועגונגען, איז אויך דער בעוועגונג פון'ם סאָציאַליסט, אָדער בעסער געזאָגט, דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אויסגעקומען דורכצוגעהען א'ן אוטאפישע שטופע, דורכצולעבען אן אוטאפישען פעריאָד.

דאָס איז געשעהן אין אָנפאנג פון דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט, און עס איז אין יענער צייט זעהר גוט כאַראַקטעריזירט געוואָרען ביי די אוטאפישע פּראָיעקטען און פּלענער פון אָווען, סט. סיימאָן און פוריע.

דיעזע לייטע זיינען סאָציאַליסטען, און זייער סאָציאַליזמוס איז בעשטאַנען אין פּראלעטארישע קריטיק איבער דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפטליכער סיסטעם. דער צוועק זייערער איז געווען דיא פערוואנדלונג פון דער עקאָנאָמיע פון'ם קאפּי־טאליסט אין א סאָרט טובת הכלל.

מיר רופען זיי יעצט אָן אוטאפּיסטען, דאָס הייסט, מענשען וואָס בילדען זיך איין גאָלדענע חלומות, ווייל זיי האָבען, אהן צווייפעל, ניט טיעף גענוג אריינגעדרונ־גען אין דיא אמת'ע יוסודות פון דעם סאָציאַליזמוס. זיי האָבען אָבגעמאַכט זייער סך הכל, אז אלעס, וואָס איז נויטהווענדיג אום אריינצובריינגען דיא נייע ארדנונג, די נייע איינריכטונגען, קען ניט זיין קיין אנדערעס, וויא אויפקלעהרונג. זיי האָבען אפּעלירט צום כלל, און דערביי געווען זיכער, אז וויא באַלד נאָר די זאַך וועט ווערען גוט פערשטענדליך, וועלען אלע, אהן צווייפעל, זיין מלא שמחה, אז דיא ענדערונג זאָל קומען, און דיא יעניגע, וואָס בענוצען זיך מיט ספּעציעלע פּריווילעגיען, אַנדערש געזאָגט, דיא גרויסע און רייכע אייגענטהימער, וועלען פרייווילליג זיך אָב־גט'ן מיט זייערע אייגענטהום און ווערען מיטגליעדער פון דער נייער ארדנונג!

דיא איינבילדער, אזוי צו זאָגען, האָבען איגנאָרירט דעם קלאַסענקאמפף, און עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז געווען דיא הויפּט אורזאכע, וואָס האָט זיי גע־פיהרט דערצו, אז זיי זאָלען ניט בעגרייפען און ניט פערשטעהן, דאָס א טהייל פון דער געזעלשאַפט, דער הערשענדער קלאַס, איז געווען מעהר, וויא צופריעדען מיט דער ארדנונג, וועלכע האָט עקזיסטירט, און האָט געבעטען פאר א י ה ר אריכת ימים ושנים.

און זעלבסטפערשטענדליך, אז וויא באלד זיי, דיא איינבילדער, וויא מיר רופען זיי יעצט אַן, האָבען פערשטויסען קלאַסענקאַמפף, האָבען זיי שוין אויך פערשטויסען פּאָליטישע בעשטרעבונג. זיי האָבען, וויא עס שיינט, געדענקט, אז בלויז דאס פרעדיגען זייער תורה איז גוט גענוג — אויסרופען בקול רם די אלע ברכות און הצלחות, וואָס דיא נייע ארדנונג ברייננגט מיט זיך און — דיא ישועה קומט אין איין „שמע ישראל“, וויא מען זאָגט.

ערוואכסענע מענשען מיט קינדערשע מח'לאך אט וואָס מיר מוזען יעצט זאָגען זיינען דאס יענע לייטע געוועזן.

מען קען ניט אוועקגעהן פון דעם אמת, אז לויט נאָך זייער מיינונג, נאָך זייער בעגריעף און פערשטאַנד אין דיעזער מעכטיגער פראגע האָבען זיי גוט, זאָגאר גרויסארטיג ניט אויפגעטאָהן; עס האָט זיי אָבער געפעהלט דיא ריכטיגע, דיא גענויע ידיעה אין עקאָנאָמישע טהאַט־זאַכען, אום צו בעמערקען, צו פיהלען דעם „בראשית“ פון עקספּלואטאציאָן, אָדער צו בעגרייפען דאָס געזעץ פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג. זיי האָבען בעמערקט דיא שעדליכקייטען פון אונזער אינדוסטריעלער ארדנונג און האָבען עס אויסגעדריקט דייטליך און סאַטיריש, נור דער הויפּט פונקט, דאָס געזעץ פון עקאָנאָמישער ענטשיידונג, איז געבליעבען פאַר דעם זשעני קאַרל מאַרקס, דורך וועמענס וויסענשאַפט אין דיעזען הינזיכט און לעהרע דער סאָציאַליזמוס איז איבערגעגאַנגען פון דער אוטאָפּישער (איינגעבילדעטער) שטופע צו א ברייטער און טיעפער וויסענשאַפט.

די ענטדעקונג פון קאַרל מאַרקס האָבען געגרינדעט דעם סאָציאַליזמוס אויף א פעסטען באָדען. דער סאָציאַליזמוס איז שוין ניט מעהר ביי קיינעם קיין פּראָיעקט אָדער פּלאַן, זאָנדערן א וויסענשאַפטליכע פילאָזאָפיע, וועלכע איז געבויעט אויף היסטאָרישע עקאָנאָמישע און וויסענשאַפטליכע פונדאמענטען.

דאָך מוזען מיר אונטערשיידען צווישען סאָציאַליזמוס אלס א צוקונפטיגער צושטאַנד אין דער געזעלשאַפט און דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג, וועלכע איז א שטרעבונג צו פערווירקליכען יענעם צושטאַנד. דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג מוז אריינגעטראָגען ווערען אין דיא גרענעצען פון דער יעצטיגער געזעלשאַפטליכער ארדנונג, און אלס אזעלכע בעזיצט זיא איינציגע גוטע כאַראַקטעריסטיקעס, וועלכע מיר וועלען דאָ ארומרעדען אויף וויא ווייט עס איז מעגליך:

עס איז א פראלעטארישע בעוועגונג.

דער קלאסס אויף וועלכען דיא בעוועגונג רוהט, איז דער פראלעטארישער — דאס איז דער קלאסס, וועלכער בעשטעהט פון ארבייטער, וואס געבען אוועק זייער געזונד, זייערע כחות אום צו פערשטארקערען דיא כחות פון די קאפיטאליסטען און ערשט נאך אלעמען ווערען זיי ניט גוט בעצאהלט. דיא אומשטענדען, וועלכע האבען געבראכט דיא עקזיסטענץ פון דעם מאדערנעם סאציאליזמוס איז געוועזען דאס אויפשטעהן, דאס אויפשטייגען פון דעם פראלעטארישען קלאסס.

עס איז ניט דא דער צוועק און דאס פלאטץ גרנדליך נאכצופארשען דיא אב־שטאמונג פון דיעזען קלאסס. עס איז גענוג צו זאגען, אז דער קאפיטאליסט האט געשאפען דעם פראלעטאריאט. דיא היסטאריע און דיא ענטוויקלונג פון דעם פרא־לעטאריאט, איז דיא היסטאריע און ענטוויקלונג פון דעם קאפיטאליזמוס זעלבסט.

ווען מיר געהען צו לערנען דיא קאפיטאליסטישע סיסטעם, זעהן מיר, אז זיא, די קאפיטאליסטישע סיסטעם, צוטהיילט די געזעלשאפט אין צוויי קלאסען: איין קלאס בעשטעהט פון דיא, וואס פערמאגען און בעזיצען אלעס, וואס עס ווערט גע־שאפען און דער צווייטער, להיפוך, וואס פערמאגט ניט גאר ניט, אויסער זיינע ארימע כחות און וועלכע ער איז געצוואונגען צו פערקויפען. און אויב אזוי, איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז דער צווייטער קלאסס, דאס הייסט, דער קראפטשאפענדער, אדער, בעסער געזאגט, דער קראפט פערקויפענדער, איז אין גאנצען אבהענגיג פון דעם ערשטען קלאסס. דעריבער דארף און עס מוז זיין דער אידעאל פון יעדער פראלע־טארישער בעוועגונג צו בעפרייען די ארבייטער פון דער ביטערער אבהענגיגקייט און שקלאפעריי. נאר אום דער פראלעטאריאט, אדער ווי מיר וועלען איהם אנרופען, אויף פשוט מאמע לשון, ארבייטער, זאל קענען מאכען גרויסע פארשריט אין זיין הייליגער אונטערנעהמונג, מוז ער זיך אליין קענען, קענען זיין היסטאריע און שייכות. און דאס וועט זיין די בעסטע פראגראם און טאקטיק, וועלכע זיינען נויטהווענדיג פיר ערפאלג.

אום דער ארבייטער קלאס זאָל בעפרייט ווערען פון זיין יאָך און שקלאפעריי, מוז ער אויפהערען צו זיין אבהענגיג פון דעם קאפיטאליסטישען קלאסס, און דאס קען נאָר בלויז געשעהן מיט דער צערשטערונג און צערשמעטערונג פון דער קאפיטא־ליסטישער אָרדונג. די פערניכטונג פון דעם מאָדערנעם קאפיטאליזמוס קען געשעהן אין איינעם פון דיא צוויי וועגען: אָדער ביי דעם צוריקדרעהען דיא רעדער פון פראָג־רעס, דאָס הייסט צערשטערען און פערניכטען דיא פערשיעדענערליי מאָדערנע מאשי־נען און זיך צוריקקעהרען צו האנד־ארבייט און צו פערזענליכע שאפונג, אָדער, פער־קעהרט, יא אנצוהאלטען דיא מאָדערנע מעטהאָדען און צו שטויסען און שטופען דיא אינדוסטריעלע אָרגאניזאציאָן צו איהר לאָגישער ענדע, צו טובת הכלל — צו סאָצי־אליזמוס.

דיא לעצטע מעטהאָדע איז דיא בעסטע, ביי וועלכע דער ארבייטער קלאסס קען זיך אָנהאלטען. דאָס הייסט, דיא בעפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאסס מוז גע־שעהן ביי פאָרווערטס געהן און ניט ריקווערטס. אלגעמיינע רעכטע אויף אלעס, וואָס ווערט געשאפען און פערטהיילט איז דאָס איינציגע, וואָס קען לעזען דיא פראגע און איהרע שוועריגקייטען.

אלזא, וויא מען קען זעהן לייכט און דייטליך, איז דער סאָציאליזמוס א נאטיר־ליכער אויסוואוכס פון דעם ארבייטערס עקאָנאָמישע לאגע, און דעריבער איז נויטה־ווענדיג, אז דיא ארבייטער־בעוועגונג זאָל האָבען דעם סאָציאליסטישען אידעאל, און דער סאציאליזמוס, וויעדער, איז נויטהווענדיג, אז ער זאָל רוהען און ציהען זיין וואקסענגסקראפט פון דעם ארבייטער־קלאסס.

א בעוועגונג פערטרעט די אינטערעסען פון א קלאסס, ווען זיא מאַכט דיא עווינקייט פון דעם קלאסס. און אויב אזוי איז דוכט זיך גאנץ איינפאך וואָרום עס איז אונמעגליך, אז דיא סאָציאליסטישע בעוועגונג זאָל פערטרעטען דיא אינטערעסען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאסס. וויל ווען יא, וואָלט עס געהייסען, אז זיא פער־עווינגט דיא קאפיטאליסטישע סיסטעם.

און אבוואָהל דער סאָציאליזמוס רעפרעזענטירט ניט און קען ניט רעפרעזענטירען דיא אינטערעסען פון׳ם קאפיטאליסט, פונדעסטוועגען רעפרעזענטירט ער די העכסטע און וואהרסטע אינטערעסען פון א יעדען איינעם בעזונדערען מיטגליעד פון דער גע־

זעלשאפט, ווייל סאָציאַליזמוס איז דיא העכסטע און נאָבעלסטע שטופע פון ציוויליזאציאָן. אי, ווארום פערשטעהען עס ניט דיא רייכע, דיא אייגענטהימער, ווארום זעהן זיי ניט דאָס אמת׳ע ליכט פון אמת און יושר? — איז דער ענטפער א גאַנץ איינפאכער: זיי זיינען פערשטאפט און בלינד. יא, דער סאָציאַליזמוס נעהמט דעם אינטערעס פון א יעדען מענשען, ער אינטערעסירט אָבער ניט דעם קאפיטאַליסטישען קלאַסס, ווייל די אינטערעסען פון יענעם קלאַס איז וויא אזוי צו פערעוויגען זיך. ווען זיי זאָלען זיך יא אינטערעסירען וואָלטען זיי געוואָרען אַלגעמיינע נוצלאָזע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

ווען מיר קעהרען זיך אבער ווידער צוריק צום ארבייטער זעהן מיר, אז ניט נור אינטערעסירט דער סאָציאַליזמוס דעם איינציגען ארבייטער, זאָנדערן דער גאַנצער ארבייטער קלאַס, ווייל דער קלאַסען-אינטערעס פון דעם ארבייטער איז אין שטימונג מיט דעם געזעלשאפטליכען פארטשריט.

2.

די אנצייגונג ווי נויטווענדיגעס עס איז דער ארבייטער־קלאַס־בעוואוסטזיין.

דיא יעצטיגע געזעלשאפט בעשטעהט פון צוויי קלאַסען: א רייכען, א פערמעגענדען און אן ארימע אונפערמעגענדען. אָבער א געזעלשאפט, וועלכע ענטהאלט אין זיך פערשיעדענע קלאַסען, קען בשום אופן ניט דערגרייכען דיא שטופע פון אמת׳ר ציוויליזאציאָן, ווייל אונטער אזעלכע בעדינגונגען קען קיין מיטגליעד פון וואָס פאר א קלאַס זיך ניט ענטוויקלען אין פולען זינן פון וואָרט. דיא מאכט פון קלאַסען־אינטערעס דערלאָזט ניט דעם מענשען צו אנערקענען וואָס אמת׳ר, הויכער אידעאַל הייסט. דיעזע מכה אנערקענט ניט קיינער וויא דער סאָציאַליסט, און דעריבער איז זיין איינציגער וואונש צו פערניכטען דיא קלאַסען אונטערשיעדענהייט, צו בעקעמפפען דעם שונא, צו שאפען אלגעמיינע רעכטע און בריעדערליכקייט.

נאָר אבוואהל מיר זאָגען, אז דיא סאָציאַליסטען און בלויז זיי אנערקענען דיא פערניכטונג פון קלאַססען, דאָך איז זייער שטרעבונג און ווילען צו ערוועקען דעם ארבייטער־קלאַס צו א געפיהל פון קלאַסענבעוואוסטזיין. דיעזעס קומט זאָגאר אויס ביי איניגע אָביסעל זאָנדערבאר און זיי פרעגען אזא שאלה:

„וויא באלד איהר ווילט דיא פערניכטונג פון קלאסען, טו פאר וואס־זשע פאנגט איהר ניט אן מיט איגנאָרירען זייער עקזיסטענץ?“

דאן איז אונזער ענטפער פאָלגענדער:

„איגנאָרירען קלאססען וואָלט ניט געבראכט קיין פעולה. קלאסען עקזיסטירען סיי־וויא־סיי צו מיר אנערקענען זיי יא צו ניט. מיר מעגען זיי איגנאָרירען. דיא זאך דערפון איז אָבער, אז זיי וועלן אונז ניט איגנאָרירען. קאפיטאליסטען איגנאָרירען דאס עקזעסטירען פון קלאסען אום זיי זאָלען זיי מעגען און קענען פער־עוויגען; דיא סאָציאַליסטען, להפוך, אנערקענען דאָס עקזיסטירען פון קלאסען אום צו קענען זיי פערניכטען. דיא קלאסען וועלען ניט פערניכטעט ווערען דורך איגנאָרירען זייער עקזיסטענץ זאָנדערן דורך דיא ענדערונג פון אונזער עקאָנאָמישער סיסטעם אזוי, אז קיינער זאָל ניט קענען געוועלטיגען איבער דעם אנדערען. ביי היינטיגען טאָג איז דער אייגענטהימער־קלאסס אימשטאנדע אויפצוהאלטען דעם כאראקטער פון זיין קלאס דורך דעם, וואס ער בעזיצט אלעס, וואס איז צום שאפען. אום מיר זאָלען אבשאפען דיא קלאססען פון דער געזעלשאפט, מוזען מיר ברענגען דיא אלע פראָדוצירענדע אינסטרומענטען־ אונטער דעם אלגעמיינעם קאָנטראָל, וויל דיא אינסטרומענטען, דיא מאשינען, וועלכע רעכענען זיך יעצט אלס א פריוואט אייגענטהום, זיי זיינען דאס דיא זאכען, וועלכע צוטהיילען דיא געזעלשאפט אין צוויי קלאססען.

סאָציאליזירט דעריבער דיא אינסטרומענטען און דער דער אייגענטהום בעזיצע דער קלאסס וועט שוין ממילא אויסקומען ביי גאר ניט. בעקעמפפט צו ערשט דיא נעץ און דער טיגער וועט שוין ממילא זיין אייערער, און דאן וועט שוין דיא קלאססען־אונטערשיעדענהייט פערניכטעט זיין.

דיא ציעל פון דער קויל פון דעם ארבייטער־קלאס אין דער געגענוווערטיגער צייט איז געריכטעט בלויז און נאר אין דיעזען פונקט. זיין גאנצער אינטערעס איז נאר צו בעקעמפפען דעם שונא, דאס הייסט דיא אינטערעסען פון דעם קאפיטאליס־טישען קלאסס. און אזוי ווי יעדער קלאסס בעוועגט זיך דורך זיינע מאטעריעלע אינטערעסען, איז דעריבער נויטווענדיג אויפצוואוועקען דעם ארבייטער קלאסס צו זיינע אינטערעסען, אדער וויא מיר וועלען עס אויסדריקען אין אנדערע ווערטער

מאכען איהם קלאססבעוואוסטזיין. אט דיעזער סוד, דאס הייסט אט דיעזער קלאס־בעוואוסטזיין טראגט מיט זיך די גאנצע ענטשיידונג פון דער ארבייטער־פראגע. זיא בעמעכטיגט דעם ארבייטער צו זעהן מיט אפענע אויגען, אז דער איינציגער וועג צור בעפרייאונג איז בלויז דיא פערניכטונג פון דער יעצטיגער סיסטעם, וועלכע איז ביטער און קלאגענדיג און אריינברייינגען אויף איהר פלאטץ דיא קא־אפעראטיווע סיסטעם.

אלזא וואס־זשע הייסט קלאסענבעוואוסטזיין ? דאס הייסט דיא וויסענהאפטיג־קייט פון איינעמס אייגענע אינטערעסען אלס א מיטגליעד פון א קלאס, צו דערזעל־בער־צייט אויך די געוויסענהאפטיגקייט, דאס זיינע אינטערעסען קענען פערשטאר־קערט און פערבעסערט ווערען, ווען ער וועט זעהן מיט אלע זיינע כחות, אז דיא אינטערעסען פון דעם קלאסס, צו וועלכען ער בעלאנגט, זאלען מאכען פארשריט. ווען אן ארבייטער רעאליזירט דיעזע פאקטען, זאגט מען אויף איהם, אז ער איז א קלאסענבעוואוסטער. דאן זעהט ער, אז זיינע אינטערעסען, וויא דיא אינטע־רעסען פון זיין קלאסס, זיינען פונקט דיא געגענטהייל צו דיא אינטערעסען פון דעם צווייטען קלאסס, וועלכער איז דער קאפיטאליסטישער. ער זעהט דאן אויך, אז דער קאפיטאליסטישער קלאסס איז דאס דער יעניגער, וואס האלט אין זיינע לאפעס דיא מעכטיגע לייצעס פון פראדוקיצאן.

יעדער שריט אין דער ענטוויקלונג פון דעם קאפיטאליזמוס האט געמאכט אן הוספה פון עקאנאמישער מאכט צו דעם קאפיטאליסטישען קלאסס און מיט דעם אויך פאליטישע מאכט. פונקט פערקעהרט איז אבער מיט דעם ארבייטער־קלאסס. דער קלאסענבעוואוסטער ארבייטער רעאליזירט, אז פאר איהם קען דיא פאליטישע אויבערמאכט ניט זיין, ווייל מיט יעדען שריט אין דער ענטוויקלונג פון דעם קאפיטאליזמוס ווערט ער אלץ מעהר און מעהר אונטערוואַרפען. דאך מיט דעם פערלוסט פון עקאנאמישער מאכט, וועלכע איז פערפפליכטעט צו דער ענטוויקלונג פון מאדערנע אינדוסטריע, האט דער ארבייטער געוואונען דיא מעגליכקייט פון פא־ליטישער אויבערמאכט דורך דעם וואוכס אין דער צאהל. דער ארבייטער איז יעצט אויף דעם פאליטישען פעלד א העלד גלייך מיט אלע העלדען. און קעמפפען צו האבען דיא פאליטישע אויבערמאכט דארף און מוז דער ארבייטער־קלאס מעהר פאר אלע,

און ער וואָלט געווען דער בעסטער אויבערהאַר, ווייל ער וואָלט גלייך פערבעסערט דיא עקאָנאָמישע לאַגע.

איז דאָס אָבער אזוי ? הא, ניין ! אָט קומט און זעהט וואָס דער קאַפּיטאַליס־טישער קלאַסס טהוט אין דיעזען הינזיכט און נעהמט אייך א מוסר און א ביישפּיעל. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסס ווייסט און געדענקט צו יעדער צייט, אז כל זמן ער וועט האַלטען דיא פּאָליטישע לייצען אין זיין האנד, וועט ער אויך האַלטען די לייצען פון קאַפּיטאַל, וואָס מיינט אַלעס. און דעריבער טהוען זיי אַלע, וויא איינער, אַלעס, וואָס איז מעגליך ניט צו פערליערען דיא אויבערמאַכט.

א צרה איז עס אָבער מיט דעם אַרבייטער־קלאַסס. נעהמענדיג איהם אַלס א גאַנצען איז ער ניט קלאַססענגעוויסענהאַפטיג. דאָס הייסט, יעדער איינער אַרבייט זיך פאר זיינע אייגענע אינטערעסען, און דאָס איז איינפאַך דערפאַר, וואָס זיי ווילען ניט וויסען און פערשטעהן, אז דער קאַפּיטאַליסט איז זייער איינציגער שונא, זיי ווילען ניט אנערקענען, אז וואָס מעהר זיי וועלען אוועקגעבען זייערע כחות צו דיא מאַשינען דעסטאָ מעהר פרשקלאַפט וועלען זיי זיין. זיי זיינען געוואָהנט צו נעהמען זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אידעען פערטיגע פון דיא יעניגע בעשרייבונגען, וועלכע ערקלעהרען זיי, אז דיא אויבערמאַכט איז געגעבען געוואָרען בלויז און נאָר צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַסס.

נו, געוויס, אז כל זמן דיא אַרבייטער וועלען וועלען בלייבען אזוי וויא זיי זיינען און גלויבען, אז דיא קאַפּיטאַליסטען זיינען געקרוינט געוואָרען מיט דער אויבער־מאַכט פון דעם באַרג סיני וועלען זיי געפיהרט און געטריעבען ווערען, וויא דיא שעפּסען אין שלאַכט־הויז.

עס איז דער אינטערעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסס צו שטרעבען און געווינען דיא אויבערמאַכט, צו דערזעלבער צייט אָבער וועט דיא שולד פון דיא פערשקלאַפקייט פון׳ם אַרבייטער־קלאַסס ניט פאַלען אויף קיינעם, וויא אויף זיין קאָפּ. ער איז אַליין דער חייב אין זיין ביטערער לאַגע.

עס פערשטעהט זיך, אז דעם קאַפּיטאַליסט לוינט זיך צו טהוען אַלעס אָבי האַל־טען דעם אַרבייטער בלינד. מען קומט צוגעהן צו די אַרבייטער און מען פערצעהלט זיי, אז זייערע אינטערעסען און דיא אינטערעסען פון דיא קאַפּיטאַליסטען זיינען

איינע און־דיא־זעלבע, אז יעדער איינער ארבייטער קען ווערען א מילליאנער אבי ער זאל נאר וועלען ארבייטען געטריי און פלייסיג, אזוי וויא פיעלע איצטיגע מיל־ליאנערען האבען געטהאן אין זייער צייט, אז יעדער איינער ארבייטער מוז זיין א שמח בחלקו און דערפאר וועט איהם דער „אויבערסטער“ מזכה זיין מיט א גוטען מזל און משפיע זיין מיט ברכה און הצלחה אין דער צוקונפט א. ז. וו. און ז. וו. דאס זאגען עס דיא שלוחים פון דעם קאפיטאליסטישען קלאסס, וועלכע זיינען אי דיא פרעססע, אי פוסטע־פאסטניקעס און זאגאר דיא „הייליגע“ גלחים אויף דיא בימות.

פערשטויסען וויא קרעציגע דארף דער ארבייטער קלאס, איינער, ייא אלע און אלע, וויא איינער, אט יענע פאלשע נביאים! פערניכטען דארף דער שאפענדער קלאסס דיא פאלשע און ביטרע פוקסען, וועלכע קומען איהם שפייזען מיט פאבלען!

יעצט לאמיר נעהמען דיא ווידזשעס־סיסטעם. דער ארבייטער ווערט אויך דא פערבלענדעט פון׳ם קאפיטאליסטישען פאלשען מאגנעט. לעבעדיג ווערט ער, פרעהליך פיהלט ער, ווען מען דערלאנגט איהם דיא ווידזשעס אין מזומנים. ער ווערט אזוי בעצויבערט פון דער „מתנה“, אז ער פערגעסט גאר אין גאנצען וויא אבגענארט ער איז. ער צעהלט דיא קלאגעדיגע דאללארס און דענקט אז מען האט איהם בעצאהלט זיין ווערטה. ער שטעלט זיך גאר ניט אב אויף קיין סעקונדע א טראכט טהאן, אז מען האט איהם אפילו ניט בעצאהלט גענוג פאר זיין פערלוי־רענעם שוויים און ווער שמועסט שוין פאר זיין בלוט און כח. ער וויל גאר ניט וויסען, אז ער האט געשאפען א סך, א סך מעהר, וויא זיינע ווידזשעס בעטרעפען.

נו, געוויס ווען ער זאל שוין זאגאר יא וויסען דאס אלעס וואלט איהם אויך גאר ניט געהאלפען ביי דער יעצטיגער סיסטעם, וואו עס עקזיסטירט אייגענטהום. ער וואלט גאר ניט געמאכט; ווען ער זאל זיך זאגאר געגענשטעלען. זא לאנג עס עקזיסטירט אייגענטהום איז איינס פוןביידע: אדער ארונטערשלינגען און מאכען א שוויינ אדער — הונגערען. דיא פעולה וואלט אבער געווען א גרויסע. ער וואלט געווארען א קלאסענגעוויסענהאפטיגער און וואלט צוגעשטאנען צום קלאס, צו וועלכען ער בעלאנגט און אזוי וואלט זיך איינער פעראייניגט מיט א צווייטען קלאסענגעוויסענהאפטיגען און ביידע מיט א דריטען, מיט א פיערטען א. ז. וו. און

דאן אלע צוזאמען מיט איין קראפט, מיט איין מאכט פערניכטעט דיא אורזאכע פון אלע עקספלואטאציאן — דיא קאפיטאליסטישע סיסטעם.

3.

עס איז געגרינדעט אויף דעם קלאסענקאמפף.

פון זייט עס האט אנגעפאנגען פריוואט אייגענטהום, עקזיסטירען אין דער געזעלשאפט, אדער וויא מיר האבען שוין געזאגט, איז דיא געזעלשאפט צוטהיילט געווארען, אין צוויי קלאסען. דיעזע קלאסען האבען אין פערשיעדענע עפאכען גע־הייסען פערשיעדענע נעמען — יעצט זיינען זיי בעקאנט אונטער דיא נעמען: קאפיטאליסט און ארבייטער — און אין יעדער עפאכע איז צווישען דיאביידע קלאסען געוועזען א קאמפף, דאס הייסט א קלאסענקאמפף.

קלאסענקאמפף איז ניט קיין אנדערע וויא א קאמפף פיר עקזיסטענץ. פונקט וויא דארווינס לעהרע צייגט איבער דיא עוואלוציאן (דיא ענטוויקלונג) פון דעם מענשען אזוי ערקלעהרט, צייגט מארקס לעהרע איבער דיא ענטוויקלונג פון געזעל־שאפט. דער יעצטיגער קאמפף איז דיא לעצטע פארמע, דער לעצטער אקט פון דער גרויסער דראמא.

דער ארבייטער, וויא מיר האבען שוין געזעהען, איז אין אן אבהענגיגער לאגע. אויב ער זאל געווינען דיא בעפרייאונג, דאן מוז ער געווינען אויך דיא אויבערמאכט און אום צו צוקומען צו דער ווערטהפאלער שטופע איז ניטא קיין אנדער וועג וויא קאמפף. דיעזער קאמפף איז אונבעדינגט א קלאסענקאמפף, א קאמפף צווישען דעם רייכען, פערמעגענדען און ארימען, אונפערמעגענדען קלאסען. אזוי וויא דיא גאנצע צרה פון דעם ארבייטער׳ס יעצטיגער לאגע איז דערפאר, וואס דיא מאשינען, דיא אינסטרומענטען פיר פראדוצירען רעכענען זיך אלס דעם קאפיטאליסטס איי־גענטהום, איז אט דאס מאכט דיא אינטערעסען פוןביידע קלאסען שנאה׳דיג איינע צו דיא אנדערע און א קלאסענקאמפף איז דיא לעצטע שורה. און עס איז זאגאר איבעריג זיך ארייגצולאזען אין ווייטע ארגומענטען איבער דיעזער פראגע, ווייל עס איז א טאג־טעגליכע ערשיינונג. דיא פעסטע ארגומענטען זיינען: דיא געזעצמא־כערם, די סטרייקס, די באיקאטס (חרמים) די אויסשליסונג, דיא בלוטפערגיעסונג

פון דעם ארבייטערס קערפער אומזיסט און נישט.

עס איז כמעט וויא א נאטירליכע זאך, אז דארט, וואו עס עקזיסטירט קלאסענ־אונטערשיעדענהייט, מוז זיין דער סך הכל א קלאסענקאמפף. עס איז דוכט זיך קלאהר און פשוט, וויא צוויי מאל צוויי איז פיער. צו זיצען מיט פערלעגטע הענט און ווארטען ביז דער אייגענטהימער וועט אליין פרייווילליג אבגעבען זיין פערמעגען און זאגען: איך וויל מעהר ניט זיין קיין אייגענטהומער איז פונקט, ווי צו ווארטען אויף משיח׳ן. דאס איז א זאך דער אונמעגליכקייט. פערקעהרט, וואס מען קען יא ערווארטען איז אהן צווייפעל, אז דער קאפיטאליסטישער קלאס זאל פארטזעצען זיין טייוועלשע ארבייט אום צו קענען זיין רייכער, אום צו האבען דיא מעגליכקייט אריינצוכאפפען נאך מעהר אייגענטהום: אום צו קענען זיך באדען אין לוקסוס און פערגניגען, וועלכעסוועט ווערען געשאפען מיט דעם שוויים, בלוט און געזונד פון דעם ארבייטער־קלאסס. עס איז נאך ביז היינטיגען טאג ניט געוועזן קיין פאל, אז איינער זאל זיך ענטזאגען פון זיין האב און גוטס און מען טאר עס ניט ערווארטען אויך. צו גלויבען, אז דער יושר וועט זיך ערוועקען אין קאפיטאליסטס הארץ און ער וועט ווערען אזוי גוט און וואהל, דאס ער וועט זיך שיידען מיט זיין פער־מעגען פיר דעם בענעפיט פון אנדערע, וואלט געהייסען געגלויבט נאך אין גרעסערע נסים ונפלאות, וויא דיא לעגענדערס דערצעהלען. ניין, ניין און טויזענד מאל ניין, דאס איז ניט געוועזן און עס וועט ניט זיין און אלעס וואס עס קען יא ברענגען דער־צו איז נאר און בלויז קאמפף, קלאסענקאמפף!

מיר טארען קיינמאל ניט ארונטערנעהמען אונזערע אויגען פון דעם כאראקטער פון דעם קלאסס פון בעוועגונג, דאס הייסט מיר מוזען תמיד קוקען מיט אפענע אויגען וויא אזוי דער כאראקטער פון דעם קלאסס איז. צו איז ער פעסט, איינ־שטימיג און בעשלאסען צו לאזט ער ארוים פון זיך זייטיגע צווייגלעך, וועלכע קענען ברענגען שאדען דעם בוים גופא. דאס הייסט ניט צו זאגען, אז מיטגליעדער פון אן אנדערען קלאסס זיינען ניט ווילקאמען, ניין, נור מען מוז אכטונג געבען, אז עס זאלען זיין אזעלכע וועלכע נעהמען אויף זיך דיא אינטערעסען פון׳ם קלאסס און זיינען בערייט צו קעמפפען און צו טהוען אלעס מעגליכע פיר דאס גוט פון׳ם קלאס בכלל. אכטונג צו געבען, אז עס זאלען ניט אריינגעבראכט ווערען פערשיעדענע

שעדליכע אידעען, אז מען זאָל ניט אריינלאָזען קיין טראָפּען גיפט אין דעם זיסען כוס. זאָ לאַנג וויא דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג איז געגרינדעט אויף קלאסען־קאמפּף, מוז מען זעהן, אז עס זאָל ניט פאָרקומען קיין פערשוועררונג, קיינע צוויי דייטענדע מיינונג.

דיא אינטערעסען פון איין ארבייטער אין פּרט איז דיא אינטערעסען פון דעם גאַנצען קלאַס אין כלל. דעם ארבייטער־קלאַסס מוזען מיר פערשטעהן וויא איין קערפּער און יעדער ארבייטער איז א חלק פון דעם קערפּער, א גליעד פון דעם גוף און אזוי וויא מען פעראורזאכט וועהטאָג צו איין חלק פון דעם גוף פיהלט דאָס צווייטע, אזוי אויך מוז איין ארבייטער פיהלען דעם וועהטאָג פון זיין חבר, און דאן וועלען זיי אלע, וויא איינער איינזעהן, אז דיא צרה קומט דערפון, וואָס דער צווייטער קלאַסס פערמאָגט אַלעס, אז דער צווייטער קלאַסס איז דיא אויבערהאַנד און דיא אויבערמאַכט און מען מוז דאָס אָבשאַפען, עס טאָר ניט עקזיסטירען און מען מוז געווינען דיא אויבערמאַכט, דאן וועט קומען דאָס צווייטע, דאָס הייסט דיא פערבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, דאן דיא אבשאַפונג פון קלאַסען און פּריוואַט אייגענטהום און ערשט דאן וועט זיין דיא אמת'ע ארבייטער גאולה; און דאָס אַלעס אויסצופיהרען קען קיין אנדער זאַך ניט, ווי קאמפּף — קלאַסענקאמפּף.

4.

עס איז א רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג.

איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג א רעפאָרמערישע אָדער א רעוואָלוציאָנערע? דער ענטפער איז איז א רעוואָלוציאָנערע. און דאָס מוז בלייבען קלאָהר און דייטליך פון דיא פריהערדיגע קאַפּיטלען.

רעפאָרם מיינט א פערבעסערונג אין דער ארדנונג, וואָס עקזיסטירט אין דער יעצטיגער געזעלשאפט. פונקט וויא צו נעהמען דאָס מעבעל אין א הויז און עס איבערווישען און אויסשטעלען אין א בעסערער אָרדנונג. רעפאָרם מיינט ניט קיין ענדערונג אין דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, דאָס איז ניט קיין אינערליכע, זאָנ־דערן אן אויסערליכע ענדערונג.

רעוואָלוציאָן, להיפּוך, מיינט אן אינערליכע ענדערונג, אן ענדערונג אין דעם

אינוועניגסטען מעכאניזם פון דער געזעלשאפט אהן וועלכער זיא קען ניט מאכען קיין פארשריט.

יעצט, צו איז א מיטעל סאציאליסטיש צו ניט? — דאס הייננט אב אין דעם אינערליכען מעכאניזם און פון וואס פאר א שטאנדפונקט עס קומט. אייגענטליך מעג א מיטעל זיין סאציאליסטיש, דאס הייסט, עס קען הייסען אויסערליך אזוי און דיא אינערליכע ארבייט מעג זיין אנטיסאציאליסטיש און דיענען אין איין הינזיכט אלס בענעפיט צו א געוויסען טהייל פון דער קאפיטאליסטישער קלאססע. צום ביישפיעל, אי דער רעפארמער אי דער סאציאליסט ווילען סאציאליזירען דיא אייזענבאהנען, דיא עלעקטרישע בעלייכטונג, דיא סטריט קארס א. ז. וו. דער ערשטער וויל זיי סאציאליזירען אלס א רעפארם, דער צווייטער אלס א רעוואָ־לוציאן, איןביידע פעלע וואלט געקומען אן ענדערונג אין דער אויסערליכע פארמע. דער אונטערשיעד איז, דאס דער רעפארמער וואלט געשאפען טאקע נאר בלויז אוי־סערליכע ענדערונג, צו דערזעלבער צייט וואלט דער סאציאליסט פעראורזאכט א גאנצע נעדערונג אין דעם אינוועניגסטען מעכאניזם. דער רעפארמער נעהמט עס פון דעם שטאנדפונקט פון דיא אינטערעסען פון דעם מיטעלקלאסס אלס געגנער צום גאר רייכען קלאסס, דער סאציאליסט וויעדער נעהמט עס פון דעם שטאנד־פונקט פון דעם ארבייטערקלאס אינטערעסען, וועלכע זיינען געגען אי דעם הויכען און דעם מיטעלקלאסס. דער רעפארמער, למשל, וויל פערניכטען דעם אייזענבאהן־מאנאפאל נאר ציליעב דעם מיטלען קלאסס, וואס ווערט בערויבט. דער סאציא־ליסט אבער וויל פערניכטען אלעס, וואס בערויבט און פלינדערט און דאס וויל ער טהון דורך דער פערניכטונג פון דער וויידזשעם סיסטעם. דער פלאן פון דיא רע־פארמער וואלט אין קיין פאל ניט געבראכט דיא בעפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאסס. דיא ארבייטער וואלטען סאי־וויא־סאי געבליעבען די וויידזשעס־שקלאפען און דיא קאפיטאליסטען וואלטען אלץ געזויגען זייער בלוט און מארך.

אלעס, וואס אינטערעסירט דיא רעפארמער איז איבערצוטראגען דיא גרויסע פעדדיענסטען פון דיא אייזענבאהן־מאגנאטען אין זייערע קעשענעס אריין. דער סאציאליסטישער פלאן איז אבער א גאנץ אנדערער. דער סאציאליסטישער פראיעקט איז צו ברענגען אן ארדנונג ניט צום אויסערליכען אויסזעהן, זאנדערן

אויך צום אינערליכען. אן ענדערונג דורך און דורך דיא בּיינער און נשמה. דער סאָציאַליסטישער פּלאן איז פון דעם פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט, און אַלס אזעל־כער איז זיין אויפגאַבּע צו פערניכטען אלעס, וואָס שטעהט אין וועג און פערבּע־סערען דעם צושטאַנד פון דיא אייזענבּאהן־ארבּייטער.

דער סאָציאַליזמוס אלזאָ שטרעבּט און וויל איבּערמאַכען דיא געזעלשאַפט, וויא אויסערליך אזוי איננערליך. א פאָלקאָמע ענדערונג. א סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

מיט דעם נאָמען רעוואָלוציאָן מיינען מיר אבּער ניט דיא רעוואָלוציאָנערע מעשים בּפועל ממש. דאָס הייסט דיא מעטהאָדען און טאַקטיק. ניין, מיר מיינען דערמיט דעם סך הכל, דעם רעזולטאַט, וואָס א רעוואָלוציאָן בּריינגט. און מיר זאָגען: ווייל דער סאָציאַליזמוס איז רעוואָלוציאָנער אין זיין פּראָגראַם, איז ער אבּער א נאָכפאָלגער דיא געזעצען פון עוואָלוציאָן אין זיין מעטהאָדע פון עררייכ־בּאַרקייט.

יעצט לאָמיר אבּיסעל טיעפער אריינגעהן אין דעם זינן פון ווארט רעוואָלוציאָן. וויא מיר ווייסען איז דער פּראָצעס פון עוואָלוציאָן ניט רעגולאַר, דאָס הייסט עס געהט ניט תמיד און שטענדיג מיט איין קראַפט, מיט איין שנעליגקייט. עס פאַנגט אָן גאַנץ לאַנגזאַם און דאַן שטאַרקער, מעהרער און פעסטער און ווען עס קומט צו דער ענדע, בּרעכט עס אוים מיט דער גאַנצער קראַפט און עס איז געענדיגט. דער לעצטער שריט הייסט דאָס, וואָס מיר רופען רעוואָלוציאָן.

דאָס כּריסטענטהום אין דעם רוימישען קעניגטהום, דיא רעפאָרמאַציאָן, דיא פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן זיינען דיא בּעסטע בּיישפּיעלע צו דעם, וואָס מיר האָבּען נאָר וואָס געזאָגט.

רעוואָלוציאָן אלזא איז ניט מעהר וויא דיא לעצטע שטופע פון עוואָלוציאָן, אָדער וויא מיר וועלען עס בּעסער אויסדריקען דיא לעצטע שורה פון א לאַנגזאַמער ענטוויקלונג. אן ענטוויקלונג וועלכער האָט זיך געגרייט און געגרייט צייטען און צייטען, און דעריבּער, זעלבּסטפערשטענדליך, וועט דיא לעצטע שורה, דער לעצטער שריט פון איבּערארבּייטען דיא געזעלשאַפט, עס מאַכט ניט אוים צו אויף א וועג פון שלום צו אויף א דרך פון קראַפט, זיין דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

מיר שטעהן יעצט כּמעט זעהר נאָהענט צו דער ענדע פון אינדוסטריעלע עוואָ־

לוציאָן. אַלזאָ וועלען דאָך פּיעלייכט אייניגע וועלען זאָגען:

„געגוג. יעצט לאָמיר זיך שוין אוועקזעצען און ערוואַרטען דעם גרויסען איבערגאַנג“. ניין, דאָס וועט זיין אַ גרויסער טעות. מיר טאָרען ניט זיצען. מיר מוזען אַרבייטען און פערלייכטערען דעם איבערגאַנג. אין וואָס פאַר אַ ניט וועג, מוזען מיר זעהן, אַז אונזער אידעאַל זאָל פערווירקליכט ווערען וואָס שנעלער און וואָס גרינגער.

יעצט איז דיא פראַגע: וואָס האָבען מיר צו טהוען? און דאָ קומט ווידער דער רעפאָרמער און זאָגט אַזוי: סאָציאַליסטען, היות, אַזוי וויא אונזער אונטערנעהמונג איז זעהר אַ שווערע זיא זאָל מיט אַמאָל פערווירקליכט ווערען, לכן איז אונזער עצה, אַז איהר זאָלט איבערגעהן אויף אונזער זייט, צושטעהן צו אונז, און אַז אונזער שטרעבונג איז ניט אַזאַ שווערע און אַז זיא קען זעהר גרינג פערווירקליכט ווערען וויסט דאָך אַ יעדער. עס מעג טאַקע אַפּילו קלינגען אַביסעל רעזאַניש, אָבער אַז מען בעטראַכט עס פון דעם פּראַקטישען שטאַנדפּונקט איז עס גאָר ניט. ווייל וואָס איז דיא פּעולה, זאָ לאַנג וויא דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסס איז דער הערשענדער? קאַפּיטאַליסטען ערלויבען אָפטמאָל רעפאָרמען, אָבער נור דאַן, ווען עס קומט ניט אונטערברעכען זייערע פּריווילעגיעס, באַלד אָבער וויא ער ווערט פאַרגעשלאָגען אַ רעפאָרם, וואָס קען זיי שטעהן, וויא אַ ביין אין האַלז, איז שוין דער טיש איבערגעקעהרט מיט דיא פיס אַרויף. און קענען מיר דען אַנדערש ערוואַרטען, ווען דיא רעגיערונג איז אין דיא הענד פון קאַפּיטאַל?

עס איז אמת, אַז דער סאָציאַליזמוס וועט ניט אויסשפּרינגען מיט איין מאָל— דיא סאָציאַליסטען זיינען ניט קיינע בעלי מופתים, זאָגאָר ניט קיינע קונצען־מאַכערס, וואָס זאָלען קענען בעווייזען אַזאַ ערשיינונג. אָבער דאָס טאָהר ניט זיין קיין אַבשרעק. מען מוז טהוען לאַנגזאַם און דייטליך. קודם כל מוז מען אָבשאַפען דעם איצטיגען רעגיערענדען קלאַסס, און זאָל דאָס פאָלק בכלל רעגיערען. עס איז בעסער צו מאַכען איין שריט אַ זיכערען איידער צעהן אונבעטראַכטע. שטופענווייז וועט איין מסחר נאָך דעם אַנדערען סאָציאַליזירט ווערען ביז אַלע ביזנעס וועלן געבראַכט ווערען אונטער דעם אַלגעמיינעם קאָנטראָל.

עס איז ווידער אמת, אַז דער סאָציאַליסט וועט ניט אין איין שמע ישראל אַרויפ־

שפרינגען אויף דער הויפט כסא המלוכה, אָבער עס איז קיין צווייפעל, אז איידער יענעס וועט געשעהן, וועט ער האָבען דיא אויבערמאַכט אין שטעדט, אין סטייטס און דאן וועט ער האָבען דיא פאָלקאָמענע געלעגענהייט צו פערשטאַרקערען און פערשפרייטען דעם סאָציאַליזמוס. דאָס איז דער עיקר! דיא פּאָליטישע אויבער־מאַכט, דיא אויבערמאכט זיא וועט שוין אַלעס אויפטהון!

און אז דאָס איז א זאך, וואָס קען און וועט גאר אין גיכען פערווירקליכט ווערען איז גאר קיין צווייפעל. אין פיעלע שטעדט אין אייראָפּא איז עס שוין געשעהן און דער רעזולטאַט איז פּונקט אזוי, וויא מיר האָבען פריהער געזאָגט. דער ארבייטער־קלאַסס מוז זיין א צוזאמענגיסונג און צוזאמענשמעלצונג פון דיא מאַססען און מאַסען ארבייטער. ער מוז האָבען איין כאַראַקטער. דער אידעאַל פון סאָציאַליזמוס מוז זיין הייליג און ניט איבערטראַטען און וואָס איינער פיהלט מוז דער צווייטער פיהלען, ווייל עס איז איין מכה, עס איז איין קערפּער, עס איז איין וועהטאג, און דאן, ווען דאס וועט זיין, איז דער רעזולטאַט א גאַנץ פערשטענדלי־כער. אַלע וועלען שטרעבען צו איין זאך, — צו דער בעפרייאונג און וויא דאָס צו געווינען, וועלען זיי שוין זיין איבערצייגט, אז זיי מוזען האָבען דיא פּאָליטישע אויבערמאַכט. דאָס וועט מאַכען דעם סאָציאַליסטישען וואוט גרויס און מעכטיג און ווען דיא מאכט וועט שוין זיין, האָבען מיר שוין געצייגט וויא אלעס וועט קומען בשלום און דער גאָלדענער אידעאַל וועט טראָגען א בריללִיאַנטענע קרוין. דער ארבייטער וועט מעהר ניט פיהלען זיין יעצטיגע לאַגע. ער וועט מעהר ניט ערניעדעריגט און בעליידיגט ווערען פון'ם געזעץ און פון דער פּרעסס דורך דעם איינפלוס פון דעם קאַפּיטאַליסט. וויפיעל מאָל האָט שוין פּאַסירט, אז עס זיינען געפעסט געוואָרען רולס פיר דעם בענעפיט פון'ם ארבייטער־קלאַסס! איז עס אָבער פערווירקליכט געוואָרען? ניין! וואָרום? ווייל דער קאַפּיטאַליסט האָט עס ניט געוואָלט.

אין זיין יעצטיגער לאַגע טאָר דער ארבייטער ניט רוהען. ער מוז קעמפּפען, קעמפּפען ביז ער וועט זעהן זיין שונא צובראָכען און דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טריאומפירענד!

5.

דער מקור פון איבעררעסט ווערטה.

די נויטהווענדיגקייט פון דעם מקור פון איבעררעסט ווערטה, וועלכע איז מגלה דעם סוד פון קאפיטאליסטישער עקספלואטאציאן האבען מיר צו פערדאנקען דעם זשעני קארל מארקס.

וואס הייסט איבעררעסט ווערטה ? — ארבייטען כמעט וויא פאר אומזיסט. למשל איין ארבייטער ארבייט אב א וואך שווער און ביטער און שאפט דעם פאב־ריקאנט סחורה אין דיא ווערטה, לאמיר זאגען פון צוויי הונדערט דאללאר, און קריגט אין גאנצען נאך דער אכט אדער צעהן דאללאר, אין אנדערע ווערטער, דער ארבייטער שאפט פיעל, פיעל מעהר וויא ער קריגט בעצאהלט, עס הייסט אז זיין שאפען, זיין קראפט איז אריבער און אריבער דיא ווידזשעס זיינע — דאס הייסט איבעררעסט ווערטה.

וואס איז דער קוואל פון עקספלואטירען דעם ארבייטער ? —דאס פריוואט אייגענטהום פון דעם קאפיטאליסט. ווייל ווען דיא מאשינען זאלען ניט בעלאנגען בלויז צו דיא קאפיטאליסטען, וואלט דער ארבייטער געקענט ארבייטען פאר זיך און האבען אזוי פיעל ייפיעל ער ארבייט אוים. קיינער וואלט ניט גענומען קיין תרומה און מעשר פון זיין בלוט און געזונד. מיט זיינע פערדיענסטען וואלט ער געקענט פערשאפען זיך און זיין פאמיליע גענוג פערגניגען. אז דיא מאשינען זיינען אבער דאס פריוואט־אייגענטהום פון דעם קאפיטאליסט איז וואס־זשע קומט שוין אוים דעם אונגליקליכען ארבייטער צו טהון ? גאניץ געוויס, אדער צו פערקויפען זיין קראפט פאר וויפיעל מען גיט, אהער צו הונגערען.

דיא ארבייטער־קראפט איז א סחורה וויא אלע אנדערע סחורות. דער ארבייטער מארקעט ווערט אן אבטהיילונג פון דעם אלגעמיינעם מארקעט פון פערשיע־דענע בעקוועמליכקייטען. דיא פרייז פון ארבייטער־קראפט איז בעשטימט, פונקט וויא דיא פרייזען פון אנדערע בעקוועמליכקייטען, לויט דיא ווערטה פון זיין פראָ־דוצירען, אבער נאך דער אבשאצונג פון דעם קאפיטאליסט. א בעקוועמליכקייט, ניט מעהר וויא דאס, איז דעם ארבייטערס געזונד און כח פאר דעם פאבריקאנט.

אלזא ווי געזאגט, איז דער ארבייטער א סוחר. ער פערקויפט זיין אייגענטהום,

דאָס הייסט זיין כח און קראַפט. דער קאַפּיטאַליסט ווידער איז אויך א סוחר, און יעצט לאָמיר זעהן דעם אונטערשיעד און העם סך הכל פון דיאביידע סוחרים.

דער אַרבּייטער ערקויפט זיין אייגענטהום פאר וויפיעל דער קאַפּיטאַליסט וויל, וויל ער האָט דאָך קיין אנדער ברירה ניט. דיא מאַשינען זיינען דאָך דעם קאַפּיטאַליסטס, אַרבּייטען דעריבער פאר זיך קען ער ניט און עס וואָלט איהם אויס־געקומען צו הונגערן און דער סך הכל איז, אז ער אַרבּייט אָב א טאָג שווער און ביטער, שאַפט דעם קאַפּיטאַליסט אויף 25 דאָללאַר ווערטה און בעקומט דערפאַר אזוי וועניג בעצאָהלט, אז עס קלעקט איהם זאָגאַר ניט צו דעקען דיא הוצאה פון זיין פאַמיליע, און מוז בלייבען פערשולדיגט און פערבאָרגט. פערקעהרט איז אָבער מיט דעם קאַפּיטאַליסט. ער האָט דיא פולע ווערטה פון דעם אַרבּייטערס־קראַפט. דיא געמאַכטע סחורה פערקויפט ער צו גוטע פּרייזען און דער סך הכל איז, אז ער וואַכסט פון טאָג צו רייכער און רייכער. אַלע פערגניגען ווערען פאַר איהם פריי, אַלע לוקסוסען ווערען זיינע אייגענע און פיהלט ער, אז דער טעגליכער בייטעל ווערט אביסעל לעדיג, פילט ער איהם אויף אין צווייטען טאָג אָן מיט פרישע קראַפט און נייעם געזונד פון דיא פערשקלאַפטע אַרבּייטער.

איין זאַך מוז דער אַרבּייטער תמיד און שטענדיג האַלטען אין זינען און דאס איז, אז ער גיט אוועק פיער־פינף מאָל אזוי פיעל כח, ער שאַפט פאר פיער־פינף מאָל אזוי פיעל סחורה וויפיעל ער קריגט ווייזשעס, און דיא רפואה צו דיעזער מכה איז, ארויסצונעהמען דיא מאַשינען, דיא אינסטרומענטען, דורך וועלכע מען קען מאַכען א לעבען, פון דיא הענד פון רויבער און פּלינדער, פון דיא מענשען אָהן רחמנות און אָהן יושר און זיי איבערגעבען צום פאָלק. דאן וועט דער אַרבּייטער האָבען דיא פולע ווערטה פון זיין אַרבּייט, עס וועט ניט פעהלען קיין האָאר און עס וועט מעהר ניטזיין קיין איבעררעסט ווערטה, דאָס הייסט אוועקגעבען דיא כחות דעם טייוועל.

6.

עקאָנאָמיע איז דיא אורזאַכע פון אַלעס.

איינע פון דיא וויכטיגסטע זאַכען פון דיא מאָדערנע צייטען איז אָהן צווייפעל

דאָס געזעץ, וואָס מארקס האָט אָנגעצייגט, אז די עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען דיא אורזאכע פון מאָראלישע, געריכטליכע און פּאָליטישע ערשיינונגען. דאָס גיט אונז דעם שליסעל צו פערשטעהן קלאָהר און דייטליך דעם מענשענ׳ס היסטאָריע, און דיא סאָציאלע און מאָראלע פּאָרטשריטע.

דיא סאָציאליסטישע פילאָזאָפיע צייגט אָן, אז דיא אלע פּארשריטע, וואָס מיר זעהן דיא געזעלשאפט מאכט, זיינען דורך א קאמפּף פון קלאָססען. און יעצט לאָמיר זעהן וויא אזוי:

דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען, דער ארט און ווייזע פון מאכען רייכטהום אין יעדען פעריאָד שאפט א הערשענדען קלאָסס. און דיזער קלאָסס איז אימשטאַנדע דורך זיין הערשענדער מאכט צו בעשליעסען און ענטשיידען דיא מנהגים, דיא געזעצע און רולס פון דער געזעלשאפט. אין אָנפאנג זיינען דיא אינטערעסען פון דעם גענאַנטען קלאָסס איינשטימינג מיט דיא פּאָרטשריטע פון דער געזעלשאפט. עס געהט אָבער אוועק א שטיקעל צייט און זייערע אינטערעסען און פאָלגליך זייערע מנהגים און אנשטאַלטען קומען אין א שטרייט מיט דעם פּאָרטשריט פון דער געזעלשאפט. די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, וועלכע שאפט דיזען קאָנטראַסט, שאפט צו דערזעלבער צייט אויך א קלאָסס, וועמענס אינטערעסען זיינען פּונקט דאַגעגען דיא אינטערעסען פון דעם רעגיערענדען קלאָסס און מעהר אין שטימונג מיט דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג. א קאמפּף בריכט, זעלבסטפערשטענדליך, אוים צווישען דיא ביידע קלאָססען, און דער קלאָסס, וועלכער איז מעהר אין שטימונג מיט דיא אומגעביטענע אומשטענדען, איז פערפליכטעט צו טריאומף.

אזוי לאַנג וויא די אינטערעסען פון דעם הערשענדען קלאָסס זיינען אין גוטער שטימונג מיט דעם פּאָרטשריט פון דער געזעלשאפט, איז דיא עקאָנאָמישע סיסטעם מיט איהרע זיטען און געזעטצע אמת און גוט, ווען אָבער דיא אינטערעסען פון דעם קלאָסס ווערען פערנומען מיט א שנאה צו דעם געזעלשאפטליכען פּראָגרעסס, דאַן ווערט דיא סיסטעם און איהר מאָראלישע פּאָהן פאַלש און פערפלעקט. דיא אומגעביטענע אומשטענדען שאפען א נייעם זיטען־בוך, וועלכער בלייבט אין שטימונג מיט דעם פּראָגרעסס פון דער געמיינדע. אלזאָ, אז עקאָנאָמישע סיסטעם און א מאָראלישער געזעטץ־בוך, וועלכער שטימט אב פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם, זיינען גוט און וואהל אזוי לאַנג וויא זיי שטימען נאָר מיט דעם ערפאָלג און פּאָרטשריט פון דער געזעלשאפט.

פון דעם, וואָס מיר האָבען יעצט געזאָגט, זעהען מיר, אז עס מעג און עס קען

עקזיסטירען צוויי תורות פון מאָראל און זיטען אין איינער און דערזעלבער צייט. איינע, פערטרעטענדיג דיא אינטערעסען פון דעם הערשענדען קלאסס; די צווייטע, פערטרעטענדיג דיא אינטערעסען פון דעם נייעם קלאסס, וועלכען די אומגעביטענע אומשטענדען האָבען בעשאפען. דיעזער קלאסס נאטירליך פרעדיגט גערעכטיגקייט, מאָראל און גוטע זיטען פיר דעם אויפהאלט פון דער סיסטעם. דער ערשטער קלאס וויעדר פרעדיגט זיין תורה און צום בעדויערען איז דיא תורה פון דעם הער־שענדען קלאסס דיא סחורה אויפ'ן מארק.

און אויב אזוי, דאן האט יעדע געזעלשאפט איהרע חוקים און משפטים און אויב דיא געזעלשאפט איז ארגאניזירט אין קלאססען דאן ענטהאלט איהר תורה צוויי חלקים. איין חלק פאר דיא הערשער. דער צווייטער חלק פאר דיא שקלאפען. און פערשיעדענע מיינונגען איבער גוט און שלעכט, רעכט און פאלש עקזיסטירען אונאויפהערליך צווישען דיא צוויי פערשיעדענע קלאססען.

אום בעסער צו פערשטעהן דיא פיליזאָפיע, וועלכע צייגט איבער, אז עקאָ־נאָמיע האט געבראכט און ברענגט אלע ענדערונגען, וועלען מיר דורכקוקען דיא פערשיעדענע שטופען פון געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג.

אין דיא גאָר פריהערדיגע צייטען האט קאנאבאליזם (עסען מענשענפלייש) גע־הערשט אין פולען זינן פון ווארט. ווען איין שבט האט איינגענומען א צווייטען, האט ער ניט געפונען קיין אנדער נוץ פון דיא געפאנגענע וויא זיי אָבצוברא‏טען און אויפפרעסען. אין דיעזען טהאט האָבען זיי נאָכגעפאָלגט דעם אינסטינקט פון אייגענעם אינטערעס. — זיי האָבען ניט געוואוסט פון קיין אנדערען בעסערען וועג וויא אזוי זיך אבצורעכענען מיט זייערע געגנער. אין פערלויף פון א צייט אָבער האָבען געוויסע שבטים פראָגרעסירט, אָדער געוויסע מיטגליעדער פון א שבט זיינען געוואָרען מעהר אינטילעגענט און האָבען זיך גענומען צו בעאַרבייטען ערד אלס א מיטעל פיר זייער חיונה. דיעזער קלאסס איז באלד געקומען צו דער ענטדעקונג, אז אנשטאט אָבצובראָטען איז בעסער צו האלטען דיא געפאנגענע לעבעדיג און זיי צווינגען צו ארבייטען. דאן, ווען דיא געזעלשאפטליכע סיסטעם האט זיך שוין געהאט ענטוויקעלט גענוג צו זיין אימשטאנד צו האלטען דיא געפאנגענע אונטער א גוטען קאנטראָל, איז דער קאנאבאליזם שטופענווייז פערשוואונדען און איז פער־וואנדעלט געוואָרען אין שקלאפעריי. און אזוי שנעל וויא דער דאמאלסדיגער מענש האט איינגעזעהן וואס פאר א נוצען ער האט פון דעם צווייטען, איז ער געוואָרען אויס מענשענפרעסער. דאס איז געווען א בעשלאָסענער שריט אין דעם פאָרטשריט

אי עקאָנאָמיש אין מאָראַליש, און דיעזע, וואָס האָבען אָנגענומען די נייע מעטהאָדע האָבען שוין געארבייט מיט אלע כחות, אז דיא אַלטע ארדנונג זאָל אונטערגעהן. — נאַטירליך האָט זיך דאָס ניט אָבגעטאָהן אזוי שנעל, וויא עס רעדט זיך — בּיסלעכווייז, ביסלעכוויז און זייער מאָראַלישער קוק איז געוואָרען ברייטער און ווייטער און האָבען אנערקענט, אז עס איז געוועזן דאָס גרעסטע פערברעכען צו הרג'נען מענשען און עסען זייער פלייש.

פון דיעזער שטופע פון געזעלשאַפטליכער עוואָלוציאָן קענט איהר מערקען, אז ניט דער מאָראַלישער געפיהל האָט געטריעבען דיא ווילדע שבטים צו פאָרטשריט, זאָנדערן דיא עקאָנאָמישע אומבּייטונגען האָט זיי געבּראַכט דערצו, אז זיי זאָלען ווערען אוים קאַנאַבּילען און לאָזען לעבעדיג זייערע געפאַנגענע. זיי זיינען געוואָרען אוים קאַניבאַלען, וויל זיי האָבען איינגעזעהן, אז זיי וועלען זיין בעסער אָב, ווען דיא געפאַנגענע וועלען ארבייטען פאַר זיי.

און אזוי איז דער קאַנאַבּאַליזם פערשוואונדען און זיין פּלאַטץ האָט יערנומען דיא שקלאַפעריי.

דיעזע נייע סיסטעם, דאָס הייסט דיא שקלאַפען־סיסטעם, האָט אנגעהאַלטען אזוי לאַנג ביז מען האָט איינגעזעהן, אז עס איז גאָר ניט קיין גוטער מסחר צו האַלטען מענשען אלס אן אייגענטהום און זיי דארפען האָדעווען און קליידען און א ענדערונג איז ווידער געשעהן. דיעזע ענדערונג קען בעסער וויא ערגעץ וואו איללוסטרירט ווערען אין דיעזען לאַנד, דאָס הייט אין אמעריקא. ווען די אינ־דוסטריע אין דער נאָרד האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אומענדערן, אין אנדערע ווערטער צו ווערען רעוואָלוציאָניזירט, דאַן האָט מען זיך אומגעקוקט, אַז עס איז ניט קיין עסק צו האַלטען דעם שווארצען אלס אן אייגענטהום. דיא הוצאה איז צו גרויס. און וואָס־זשע האָט דיא נאָרד געטאָהן ? זיא האָט גענומען איהרע שווארצע און זיי פערקויפט צו דער סאוטה און דיא אָרימע נעגרען זיינען געוואָרען לוין־שקלאַפען.

אלזא, דאָ זעהען מיר ווידער, אז ניט דער מאָראַל, ניט דאָס געפיהל, זאָנדערן דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען האָבען געבּראַכט דיא נאָרד אָבצושאַפען דיא איי־גענטהימליכע שקלאַפעריי. דיא עקאָנאָמיע, זיא האָט דאָס געעפענט זייערע אויגען איינצוזעהן, אז עס לוינט זיך זיי ניט צו האַלטען מענשען אלס אן אייגענ־טהום.

דיא אורזאכע, דאַן, פון דער רעוואָלוציע איז געוועזן דאָס אויפשטעהן פון א נייעם קלאַס וועמענס אינטערעסען עס זיינען געוועזן מיט שנאה צו דער אַלטער

סיסטעם, און מעהר אין שטימונג מיט דיא אומגעביטענע עקאָנאָמישע אומשטענ־דען, וועלכע האָט פערלאַנגט פרייע ארבייט. א קאמפף איז געווען זיכער ארויסצו־קומען צווישען דיעזע צוויי קלאַסען און דער קלאַסס מעהר אין שטימונג מיט דעם געזעלשאפטליכען פראָגרעס האָט איבערגעלעבט.

דער איבערגאנג האָט זיך אונטערשיעדעט אין פערשיעדענע לענדער. אין פראַנקרייך, צום ביישפיעל, איז דער קאמפף פון דעם אויפגעשטאנענעם קאפּיטא־ליסטישען קלאַסס געווען מיט דעם אדעל, וועלכער האָט פריהער ארויסגעזעצט דעם שקלאַפען־אייגענטהימער. דיעזעס לאַנד אָבער איז איבערגעגאנגען פון שקלאַפעריי צו קאפּיטאַליזמוס ניט דורכגעהענדיג די געוועהנליכע שטופע, וועלכע איז בעקאַנט אלס פעדאל. דיא קאָלאָניסטען זיינען בעפרייעט געוואָרען פון דיא אונטערדרי־קונגען, וועלכע האָבען געהאַט דעם פעדאלען כאַראַקטער, דורך דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן.

דער קאפּיטאַליזם אין דער געגענווערטיגער צייט האָט דיא פאָלקאָמע העכסט־הערשענדע מאַכט, און עס איז דעריבער לייכט צו פערשטעהן, אז דיא הערשענדע מאָראַל אין דער געגענווערטיגער צייט איז דיא קאפּיטאַליסטישע מאָראַל, דאָס הייסט דיא מאָראַל וועלכע איז מסכים, אז דער קאפּיטאַליסט זאָל זיין דער אייגענ־טהימער פון אַלערליי מאשינען און בעפאָלמעכטיגט איהם צו פערשקלאַפען דורך די מאַשינען דיא אָרימע ארבייטער.

דער קאפּיטאַליסטישער מאָראַל בעשטעהט, וויא לאַריא צייגט אָן, פון א רייהע רעגעלען, וועלכע זיינען געמאַכט פון דעם אייגענטהימערשען קלאַסס אויף דעם אר־בייטער קלאַסס מיט א פיינדליכער אבזיכט צו דעם לעצטענס אינטערעסען. און דיא רעגעלען זיינען דאָס דיא, וואָס גאראַנטירען צו פערעוויגען דיא קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפט. די קאפּיטאַליסטען אַרט ווענינ וואָס, ווען זיי בלייבען ליגנער און פאַלש. צוליעב דעם בענעפיט פון זייערע אייגענע אינטערעסען נאררען זיי דעם ארבייטער. זיי שפייזען איהם צייטענווייז מיט פאבלען און בבא־מעשות און דער ארבייטער, אויסער וואָס ער נאַרט זיך דורך דעם אין בעצוג צו זיינע אייגענע אינטערעסען פערשטאַרקט ער נאָך א סיסטעם, וועלכע האַלט איהם פערשקלאַפט.

דיא עקאָנאָמישע ענטוויקלונג איז אבער דאָך נאָך ניט געענדיגט. זייט דער קאפּיטאַליסטישער קלאַסס האָט בעקומען דיא אויבערמאַכט, האָבען זיך בלויז דיא אומשטענדען געענדערט מאַטעריאַליש. אין אָנפאַנג זיינען דיא אינטערעסען פון דיעזען קלאַס אין נאָהענטער שטימונג מיט דעם געזעלשאפטליכען פאָרטשריט, אָבער

יענע צייט איז שוין לאנג פערביי. יעצט הערשט צווישען די צוויי פערשיעדענע אינטערעסען א שנאה. דיא געזעלשאפט וויל א גרויסע שאפונג, אָבער דער קאפי־טאליסט וויל א הויכע פרייז און דאָ קומט דער שטרייט און דיא אבהאלטונג פון פון פראָגרעס. אלזא וואָס איז דעם קאפיטאליסטס פעסטער פונדאמענט ? — דיא מאשינען, וועלכע זיינען זיין אייגענטהום, און דעריבער מוזען מיר זאָגען און קיינער קען אנדערש ניט זאָגען, אז דיא פריוואט אייגענטהום איז א פערדאָרבענער און פאלשער מאָראל.

אויסגעראמט אלזאָ מוז ווערן דער פערדאָרבענער מאָראל! דער קאמפף געהט יעצט אָן ניט צווישען דיא געזעלשאַפט און קאפיטאליזמוס, זאָנדערן צווישען דעם נייעם קלאסס, וואָס דיא עקאָנאָמישע אומבייטונג האָט געשאַפען, דאָס הייסט דעם פראָ־לעטאריאט און דעם קאפיטאליסט. און אזוי וויא דיא אינטערעסען פון דעם פראלעטארישען קלאסס איז אין שטימונג מיט דעם געזעלשאפטליכען פראָגרעס און געגען דיא קאפיטאליסטישע אינטערעסען, איז דעריבער דעם פראלעטאריאט׳ס מאָראל דיא ריינע און דיא גוטע און זיא מוז טריאומפירען. און אום צו גרייכען דיא געבענטשטע שטופע מוזען מיר קעמפפען און קעמפפען, פערניכטענדיג דיא הערשענדע קלאססע, ארויסצונעהמען דיא לייצען פון איהרע הענד און זיי איבער־געבען דעם פאָלק, ארויסרייסען דיא מאשינען פון זייערע לאפעם און זיי איבער־געבען דעם פאָלק און ערקלעהרען יעדען איינעם א מעמבער פון דער געזעלשאפט און יעדער וועט דאן הנאה האָבען פון זיין ארבייט אין דער פולער מאָס, ווייל עס וועט מעהר ניט עקזיסטירען קיין פיאווקע, וואָס זאָל זויגען און נאָגען זיין בלוט און ער וועט מעהר ניט זיין קיין ווײַדזשעס-ארבייטער אָדער בעסער געזאָגט, קיין ווײַדזשעס-שקלאף. מיר מוזען ארונטעררייסען דיא שווארצע קאפיטאליסטישע פאָהן אויף וועלכער זיי האָבען מיט ארבייטער בלוט אויסגעצייכענט דעם נאָמען „מראל“ און ארויפציהען דיא ריינע, דיא זויבערע און אונבעפלעקטע סאָציאליסטישע פאָהן.

עס געפינען זיך זאָגאר יעצט דאָ און דאָרט איינינע קאפיטאליסטען, וואָס האָבען שוין איינגעזעהן דיא אמת׳ע מאָראל ביי וועלכער דיא סאָציאליסטען האלטען זיך. אָבער עס איז נאָך שווער דעם אלגעמיינעם קאפיטאליסטישען קלאסס דאָס איינצו־זעהן, נור עס וועט ניט נעהמען לאנג נאָכדעם וויא דער סאָציאליסטישער אידעאל וועט פאָלקאם פערווירקטליכט ווערען, ווען אלע וועלען אנערקענען, אז זייער מאָראל איז געווען א פערדאָרבענער און ווען זיי וועלען דאָס ניט וועלען זאָגען, וועלען זיי אָבער מסכים זיין, אז דעם סאָציאליסט׳ס מאָראל, אָדער דער ניי געשאַפענער מאָראל

אזוי צו זאָגען, איז דער אמת'ר.

אלזא ווי מיר זעהן איז דער מאָראל געשטיעגען העכער און העכער ביז א ריינער און אנערקענטער שטופע. דער מאָראל, וואס איז געווען גוט אין איין פעריאָד איז ניט געווען גוט אין צווייטען, אין אנדערע ווערטער, דאס וואס האט געהייסען גוט און מאָראליש אין איין צייט האט געהייסען שלעכט און אונמאָראליש אין א צווייטער צייט, ווייל דיא מיינונגען איבער גוטס און גערעכטיגקייט האט אויפגעהערט צו זיין אין שטימונג מיט דיא נייע אומשטענדען, וועלכע זיינען ארויסגערופען געוואָרען מיט דער אינדאסטריעלע ענטוויקלונג.

אלזא איז וואס־זשע האט ארויסגערופען דיא ענטוויקלונג פון מאָראל? טאקע ווידער דיא עקאָנאָמישע אומבייטונגען. אָדער ווי מיר וועלען זאָגען אין קורצען — דיא עקאָנאָמיע! און עס איז קיין צווייפעל, אז דיא הויכע זיטליכע געפיהלען, וועלכע האָבען דורכגעדרונגען דיא לעהרעס פון דעם גאנצען אמאָלידיגען מאָראל און דיא רעליגיאָנען לעהרעס, האָבען געהאט אלס זייער אבשטאמונג פונקט דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען און די שייכות פון פרימיטיווען קאָמוניזם. מר. לואיס מארגאן האט אויסגערעכענט, אננעהמענדיג, אז דיא מענשליכע ראסע עקזיסטירט אויף דער ערד זייט דיא לעצטע 100,000 יאָהר, דאס קאמוניזם האט עקזיסטירט 95,000, דאס הייסט, אז נאָך 5,000 יאָהר עקזיסטירען פון דער מענשליכער ראסע האט קאמוניזם זיך אָנגעפאנגען. אונטער דיעזע פאָרמע פון געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאָן האט זיך דער מענש ענטוויקעלט פון דער ניעדעריגסטער, ווילדער שטופע צו דער העכסטער מדרגה פון ציוויליזאציאָן.

אין יענע צייטען זיינען דיא שטאָפען און געצייגען פיר פראָדוציאָן געווען דאס אייגענטהום פון דער גאנצער סעקטע אָדער שבט און דיא פונאנדערטהיילונג פון דער געמאכטער ארבייט איז געווען לויט דיא בעדערפניש פון דיא מיטגליעדער פון דער קהלה. אָבוואָהל דיא שבטים זיינען אין דער ערשטער צייט תמיד געווען אין שנאה איינער מיט דעם צווייטען און האָבען שטענדיג מלחמה געהאלטען, דאָך האָבען דיא מיטגליעדער פון יעדען שבט געלעבט צווישען זיך בשלום ושלוה. דער פונדאמענט פון פעראייניגונג איז געווען קעניגטהום און פון אלגעמיינע אינטערעסען און געגענזייטיגע אבהענגיגקייט איז געבאָרען געוואָרען דער גייסט פון ליעבע און בריעדערליכקייט. און דאָ איז צום ערשטען פערווירקליכט געוואָרען, אָבוואָהל ניט אין אזא ברייטען זינן, דיא בעדייטונג פון מענש אלס מ ע נ ש און פון זייער פעראייניגונג, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען, דיא אינערליכע, שטיצענדע מיינונג פון

אלע גרויסע גלויבענס און, וואס האבען געהערשט דיא אלטע גריכען, רוימער, אידען און אויך דיא כריסטען פון דיא פריהערדיגע צייטען.

וויא געזאגט, איז דיא בעדייטונג דאן פערווירקליכט געווארען אין זייער שמאלע גרענעצען. דיא אמת'ע פאלקאמענע פערווירקליכונג וועט געשעהן אין דער נייער ארדנונג, צו וועלכער מיר שטרעבען און האפען, נאר דאך קענען מיר ניט אוועק פון דעם פאקט, אז אין דיזען פרימיטיווען קאמוניזם געפינען מיר דעם מקור פון ליעבע און נוצען וועלכע איז דיא זעלבע פאסירונג וויא פון עקאנאמישע אינטערעסען. יענע געפיהלען און אידעאלען לעבען נאך, אבוואהל דיא עקאנאמישע אומשטענדען, וועלכע האבען זיי געשאפען זיינען שוין לאנג פערשוואונדען.

מיט דעם אנפאנג פון פריוואט־אייגענטהום, איז בעשאפען געווארען א סיסטעם, א מעהר פאסענדע צו שטויסען פאראויס דיא אינטערעסען פון דיא איינצעהלנע איי־גענטהימער דיא הויכע אידעאלען זיינען אונפראקטיש אומגעקעהרט געווארען פון דיא אומגעביטענע אומשטענדען, אבער דיא אידעאלען האבען פארטגעזעצט זייער עקזיסטענץ דורך דיא פערשיעדענע שטופען פון געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג.

וועט דיא צייט אמאל קומען, ווען דיא עקאנאמישע אומשטענדען וועלען נא־טירליכערווייזע שטימען מיט דיא העכסטע זיטליכע אידעאלען? וועט די צייט אמאל קומען, ווען דיא עקאנאמישע סיסטעם וועט שאפען אן אמת'ן פאלקאמען מאראל און וועט צווינגען דיא מענשען צו אנערקענען זיך אלס דאס וואס זיי זיינען? יא, מיר גלויבען, אז אזא צייט וועט קומען. אונזער רעדעלע דרעהט זיך, ניט קוקענדיג דע־רויף, וואס פיעלע אפיקורסים שרייען, אז עס שטעהט אויף איין פלאטץ. עס איז אמת, אז עס זיינען דערויף ארויפגעלעגט שווערע לאפעס, אבער עס וועט זיך דאך איבערדרייען, עס וועט דאך מאכען דעם אנגעצייכענטען סירקול און דאן וועט קו־מען אונזער שמחה. קיינער קען יעצט ניט אבלייקענען דעם פונקט, אז דער סאציא־ליזמוס וואקסט מיט יעדען טאג און עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאגען מיט יעדער שטונדע אלץ גרעסער און גרעסער, ברייטער און ברייטער. די געזעלשאפט האט זיך אנגפאנגען מיט געזעלשאפטליכען אייגענטהום און זיא וועט צוריק געווינען איהר אייגענטהום און דער געווינס וועט זיין א גרויסער א שטארקער, א מעכ־טיגער!

דער סאציאליסטישער רעזשים וועט אויפוועקען אין יעדען זיינע געפיהלען, זיין בעוואוסטזיין. דער סאציאליסטישער רעזשים וועט ברענגען מיט זיך בריעדערליכ־

קייט, פעראייניגקייט און ליעבע איינער צום צווייטען. עס וועט ניט זיין קיין גרונד איינער זאל טראגען שנאה אויפ'ן צווייטען, וויא מיר זעהן יעצט אונטער דער קאפי־טאליסטישער סיסטעם. עס וועט מעהר ניט זיין קיין באס, פאלגליך וועט קיין שקלאף ניט זיין. אלע שטאפען און געצייגען פיר פראדוציאן וועלען בעלאנגען צום פאלק און דאן, נאטירליך, וועלען דיא אינטערעסען פון אלע זיין איינע. איינער וועט ניט האבען קיינע פערשיעדענע אינטערעסען פון דעם צווייטען. און דאן וועט יעדער פיהלען, אז ר איז א מענש ניט וויא יעצט, ווען מען זאל פרעגען אן ארבייטער, וואס ארבייט מיט זיין בלוט און שוויים און מאכט קוים א געמוטעטען לעבען, וואס ער איז, וואלט ער זיכער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

וואס פאר א לעבען לעבט דער ארבייטער ? זעהט ער זיינע קינדער גענוג ? טרציעהעט ער זיינע קינדער וויא ער וואלט געוואלט ? האט ער צייט צו פערברענגען מיט זיינע קינדער א שטונדע אין טאג ? ניין, ניין און צום גרויסען בעדויערן ניין ! ער געהט אוועק לאזענדיג זיי נאך שלאפען און ווען ער קומט שלאפען זיי שוין. פער־חוכך'ט און פערביטערט לעבט ער אב זיינע טעג און יאהרען אונטער דעם יאך, וואס דער קאפיטאליסט האט אויף איהם ארויפגעווארפען.

עקאנאמישע פעראייניגקייט, עקאנאמישע פעראייניגקייט, דאס איז, וואס מיר דארפען און מוזען זעהן, אז עס זאל פערווירקליכט ווערען און דאס וועט שוין פער־ווירקליכען דיא העכסטע זיטליכע אידעאלען. יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאפט וועט דאן זיין וויא א גליעד פון א קערפער. דער אינטערעס פון דעם איינצעלנעם וועט זיין דער אינטערעס פון דער גאנצער געזעלשאפט און פערקעהרט ווען איינער וועט שלעכטעס טהוען דעם צווייטען וועט ער עס דאך אליין פיהלען, ווייל ער איז דאך וויא געזאגט א גליעד פון דעם קערפער און אזוי וויא קיינער וויל זיך אליין ניט וועה־טהאן הייסט עס, אז ער וועט אויך ניט וועה טהאן דעם צווייטען.

דער מאראל וועט אונטער סאציאליזמוס דערגרייכען דיא העכסטע שטופע אין דעם ברייטען זינן פוןווארט. ווייל וואס איז דען אזוינס מאראל? מאראל הייסט גוטע זיטען, גוטע מידות. ווען איינער פיהרט זיך אויף שלעכט ווען ער זוכט דיא געלע־גענהייטען יענעם בייזעס צו טהאן זאגען מיר, אז יענער איז אונמאראליש. היינט ווען דער סאציאליזמוס וועט אויסגלייכען יעדען איינעמס אינטערעסען, דאס הייסט, אז אלעמענס אינטערעסען וועלען זיין איינע און דיא זעלבע און עס וועט ניט זיין קיין נויטהווענדיגקייט פאר איינעם צו בייטען, אדער ריכטיגער געזאגט פערדארבען זיינע גוטע מדות מיט שלעכטעס טהון דעם צווייטען הייסט עס דאך, אז דער מאראל

וועט זיין א געלייטערטער און אונבעריהרטער, און אונגעשעדיגטער און וואס וועט ברענגען דערצו? — דער סאציאליזמוס.

מיט איינעם ווארט דער סאציאליזמוס וועט ברענגען מיט זיך אלעס וואס איז גוט, אלעס וואס איז גערעכט אלעס, וואס איז צופריעדענשטעלענד.

אונטער דער פאהן פון סאציאליזמוס, אונטער דעם באנער פון גערעכטיגקייט וועט דיא געזעלשאפט רוהען אין פריעדען און וועט ווערען געשיצט און געשטיצט. קנאה און שנאה וועלען אבגעשאפט ווערען און שלום און ליעבע וועלען פערנעהמען זייערע פלעצער!

שלום.

דיא פריהערדיגע קאפיטלען שטעלען פאר דיא הויפט כאראקטעריסטיקעס און לעהרעס פון דער מאדערנע סאציאליסטישער בעוועגונג. דאס איז א בעוועגונג, וויא מיר האבען שוין איינגעזעהן, פון דעם ארבייטער קלאסס צו ערווערבען דיא בעזיצונג פון דיא זאכען, פון דיא מינים, פון דיא אינסטרומענטען, וועלכע זיינען נויטהווענדיג פיר זיין לעבען. עס אפעלירט צום ארבייטער קלאסס אינטערעסען, ווייל זיינע אינטערעסען פאדערן דיא פערניכטונג פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. דיעזער קלאסס, דאס הייסט דער ארבייטער־קלאסס איז דירעקט אינטערעסירט, אדער ער מוז זיין אינטערעסירט אין אריינברייגגען דיא נייע ארדנונג.

יעצט, אזוי וויא מיר זעהן און מיר ווייסען, אז דער סאציאליסט ווענדעט זיך נאר צום ארבייטער, וועלען פיעלייכט אייניגע מיינען, אז דער סאציאליסט האט גאר ניט וואס צו פערשפרעכען צו א מיטגליעד פון אן אנדער קלאסס, וועט דאס זיין א גרויסער טעות און זעהר אפ אלשער פשט. עס מיינט ניט אזוי. דער סאציאליסט האט יא, וואס צו פערשפרעכען און ווענדעט זיך צו יעדען מיטגליעד פון וואס פאר א ניט איז קלאסס, הויפטזעכליך צו דיא מיטגליעדער פון דעם מיטלען קלאסס. צום בעדויערען אבער ווייל דיא מעהרסטע טהייל פון דעם מיטלען קלאסס ניט אנערקענען, אז זיין לאגע איז אוי ניט אזוי זיס און זאגאר ביטער און דערפון קומט שוין דאס, וואס ער זעהט ניט איין דיא איבעריגע טובה, וואס דיא איבערגעהונג פון פריוואט אייגענטהום צו קהל'שען פערמעגען וועט ברענגען. וואלטען זיי אבער יא אנערקענט, וואלטען אבער זייערע אויגען געווען גענוג אפען, דאן איז קיין צווייפעל, אז זיי וואלטען בשמחה רבה צוגעשטאנען צו דער סאציאליסטישער בעוועגונג ווייל דער אמת'ר אמת איז, אז נאר און טאקע בלויז דער סאציאליזמוס קען זיי געבען א פערזיכערהייט. זייער רעארגאניזירען זיך הייסט זייער זיכערער דורכפאל, און מעג־

ליך זעהר אריינפאל. און אין אמת'ן שטעהן זיי ניט אין קיין גרויסען שאדען, ווען זיי זאלען זיך אנשליעסען אין דער אלגעמיינער סאציאליסטישער בעוועגונג. זיי וואלטען בלויז אומגעביטען זייער ביסעל פערמעגען, זייער האפלאזען קאמפף אין א חלק פון דעם אלגעמיינעם פערמעגען. אזוי הייסען זיי קליינע „באסלאך" און דאן וואלטען זיי געווען גלייכע שותפים אין דער גרויסער פאבריק, וואו עס וועט זיין זיכער פאר יעדען א גרעסערע הכנסה, קורצע ארבייט שטונדען, פריי פון זארג, פריי פון בארג און א געלעגענהייט זיך צו ענטוויקלען.

סאציאליזמוס אלזא, ווייל עס פערטרעט דיא קלאסס-אינטערעסען פון דעם ארבייטער, פערטרעט עס צו דערזעלבער צייט אלעמענס העכסטע אינטערעסען, וואָרום דיא בעפרייאונג פון דעם ארבייטער מיינט, אין אמת'ן און אין ברייטען זינן פון ווארט, די בעפרייאונג פון אלעמען און דיא איינפיהרונג פון א נייער ציוויליזאציאן. דער קלאסס פון אייגענטהימער איז אבער אזוי פערבלענדעט דורך זיינע אינטערעסען, אז ער קען ניט בעגרייפען דעם פאקט. געוועהנליך, עהווארטען מיר ניט גאר ניט פון דיא גרויסע עקספלואטערס, נאר פון דיא קליינע האבען שוין פיעלע איינגעזעהן דעם אמת, שוין אנערקענט אז זייער קאמפף איז אויף צרות און מיט יעדען טאג קומען צו עטליכע אזעלכע סאלדאטען צו דער גרויסער סאציאליסטישער ארמעע.

דיא איינציגע וואס פערשטעהן גרינדליך דעם פאקט זיינען דיא ארבייטער. דיא, וועלכע ווערען געשטיקט און געדריקט און זיי, דיא ארבייטער מוזען פאדערען זייערע רעכטע און זייער פאדערונג מוז און ס זאל פערשטארקערט ווערען דורך דעם סאציאליסטישען באלאט, דאס הייסט דורך זייער שטימונג אין צייט פון אויסערוועהלען בעאמטע. יעדע מעהר „שטימע" הייסט מעהר א שטימע געגען ווייזשעס-שקלאפעריי און אויך דיא ערנעהרונג פון דעם טאג פון בעפרייאונג.

יעדער ארבייטער, וואס פערשטעהט דעם זינן פון סאציאליזמוס איז פערפליכטעט צו געהן צו זיינע מיטארבייטער און זיי ערקלעהרען. ווען זיינע אויגען זיינען אפען און זעהט דאס אמת'ע ליכט, איז ער מחויב צו עפענען דיא אויגען פון זיינע מיטארבייטער, אז זיי זאלען אויך זעהן דאסזעלבע ליכט.

סאציאליזמוס דאס איז דעם ארבייטערס תורה און ער איז פערפפליכטעט צו טאהן, וואס דער פסוק זאגט: „והגית בה יומם ולילה" לערנען זיא, זוך און איהר, פארש זיא טאג וויא נאכט, זיי זיא מקיים געטריי און הייליג, לערען זיא צו א צווייטען און דאן וועט ער קומען צו דער שטופע, וויא דער פסוק זאגט ווידער „אשריך וטוב לך", דאן הייסט עס וועט דיר זיין גוט און וואל.

ווען דיא אינדוסטריע זאָל ארגאניזירט ווערען פון דעם וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט, וואָלט זיא געקענט אָבגעטאָהן ווערען אין אייניגע שטונדען טעגליכע ארבייט און עס וואָלט געוועזן צייט פאר אנדערע זאכען, וועלכע שאַרפען דעם מח און פערבעסערען דעם מאָראל.

אלזא דיא וואָס פערלאנגען צו לעבען אין בעסערע אומשטענדען זאָלען צושטעהן צו דער סאָציאליסטישער פארטיי און העלפען ברענגען דיא נייע ארדנונג !

ניעדער מיט שקלאפעריי!

דיא צוקונפט איז אונזערע!

עס לעבע דער סאָציאליזמוס!

אין קורצען וועלען ערשיינען פאלגענד
בראשורען

סחורות און זייער ווערטה . . . . פון א. ש.

דיא צוטהיילונג פון רייכטהום . . . . פון פראפ.

סאָציאליזמוס אין בית המדרש . . . . פון ל. ראזענצ

סאציאלאגיע . . . . פון דר. ספ

אמעריקאנער פאָליטיק . . . . פון יעקב

אויך וועלן ערשיינען בראָשורען פון וו. עדלין און פיעלע אנדערע פראָמי שרייבער.

מיר פערקויפען אויך אלע אויסגאבען פון דער „פראָגרעסיוו פובלישינג פון פילאדעלפיא.

פאָלגענדע אויסגאבען איז שוין צו בעקומען:

דער קלאסענקאמפף אדער דאָס קומען פון סאָציאליזמוס. פרייז

וואָס ווילען דיא סאָציאליסטען? איבערזעצט פון ענג. פון דר. פעסקין פריי

„דיא רעפובליקאנער, דיא דעמאָקראטען און דיא סאָציאליסטען“ א רעדע געה פון סאָציאליסטישען קאנדידאט פיר פרעזידענט יודזשין וו. דעבס אין נוי היפאדראם טהעאטער, פרייז

אין קורצען וועט ערשיינען א פערגרעסערטע און פערבעסערטע אויסגאב „יעמוד ארבייטער“ . . . . פון ב. פייגענ

„דיא אידישע
ארבייטער וועלט“

איז א צייטונג ארויסגעגעבען פון ארבייטער פיר ארבייטער.
אין דיא „אידישע ארבייטער וועלט“ איז דא מעהר לעזע־שטאף אין
ן נומער וויא אין אנ'אנדער צייטונג אין 6 נומערן.

דיא „אידישע ארבייטער וועלט“ איז געווידמעט פיר דיא אינטערעסען
דיא ארבייטער צו העלפען זיי אין טאג־טעגליכען קאמפף. און עס איז
זם דיא פליכט פון יעדען ארבייטער צו לעזען דיא צייטונג און אויך
פערשפרייטען זיא צווישען זיינע פריינד. ווענען אלע אנגעלעגענהיי־
' פון דער צייטונג זיך צו ווענדען אויף פאלגענדען אדרעס:

JEWISH LABOR WORLD

468 S. Halsted Street, Chicago

„ציית-ביבליאטעק“.
פרייז 12 קאפ׳.
№ 1.

וואס איז
קאנסטיטוציע?

פ. לאססאל.

ווארשא
—
תרס״ה

№ 1.   פערלאג „צייט ביבליאטעק״.

פ. לאססאל.

וואס איז קאנסטיטוציע?

איבערזעצט דורך

א. גאלדבערג.

ווארשא. תרס״ו.

דרוק „הצפירה״, מאריאנסקא 2.

Ф. ЛАССАЛЬ.

О СУЩНОСТИ КОНСТИТУЦІИ.

Переводъ съ русскаго.

ВАРШАВА

Въ типографіи „Гацефиры“, Марьянская 2.

1905.

Дозволено Цензурою
Вильна, 18 Августа 1905 г.

* *

*

„וואָס איז קאָנסטיטוציע?" איז אַ פאָרטראַג, וועלכען פערדינאַנד לאסאל האָט געהאַלטען אין איינינע פעראיינען אין בערלין אַנפאַנגס 1862, אין דער צייט פון דער מחלוקת צווישען דער רעגירונג און פאַלאַטע. לאַסאַל האָט דאָ שאַרף און קלאָר ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דער עיקר אין קאָנסטיטוציע איז די קראַפט.

די „קרייצצייטונג", דער אָרגאַן פון דער דייטשער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, האָט געשריבען וועגען דעם פאָרטראַג: „די רעדע ד"ר לאַסאַל'ס, דעם אין זיינערצייט זעהר בעוואוסטען יוד־רעוואָלוציאָנער, וועלכער אַ דאַנק זיין ריכטיגען חוש־הריח האָט גרינדליך פערשטאַנען דעם תוך פון דער זאַך, און האָט אונז נאָך ניט אַרויסגעזאָגט אַלעס, וואָס ער ווייסט און האָט געהאַט אין זינען א. ז. וו.". נאָר באמת האָט לאַסאַל אין זיין צווייטע רעדע: „וואָס ווייטער?" נאָך דייטליכער אַרויסגעזאָגט זיין טעאָריע וועגען קאָנסטיטוציע.

וואָס אַנבעלאַנגט אונזער אַרבייט, האָבען מיר געפונען פאַר נויטיג, בכדי צו פּאָפּוליאַריזירען און מאַכען דעם עיקר געדאַנקען פערשטענדליכער פאַר דאָס יודישע פובליקום, ניט איבערצוזעטצען אין אַ סך שטעלען וואָרט־ביי־וואָרט. פרייסען פיגורירט ביי אונז ניט אַלס ציעל, נאָר אַלס ביישפּיעל, אַלס אילוסטראַציע.

א. ג.

וואָס איז קאָנסטיטוציע? פון וואָס בעשטעהט דער אינהאַלט, דער תוך פון אַ קאָנסטיטוציע בכלל?

יעדער רעדט היינטיגע צייטען וועגען קאָנסטיטוציע; אין אַלע צייטונגען, אויף אַלע פערזאַמלונגען, אין אַלע פריוואַט־שמועסען רעדט מען נאָר וועגען דעם, אין פון דעסטוועגען, ווען מיר וועלען פאָרלעגען די פשוט'ע פראַגע: „אין וואָס בעשטעהט דער אינהאַלט פון אַ קאָנסטיטוציע?" וועלען זיך געפינען ווייניג מענשען, וואָס וועלען געבען אַ קלאָרען ענטפער אויף איהר.

אַז מיר וועלען פאָרלעגען די פראַגע אַ יוריסט, וועט ער געבען אונגיפער אַזאַ ענטפער: „אַ קאָנסטיטוציע איז אַזאַ מין קאָנטראַקט צווישען קייזער אין פאָלק, וועלכער בעשטימט די פונדאַמענטען פון דער רעגירונג און דער געזעצגעבונג אין לאַנד". אָדער אפשר וואָלט ער געזאָגט אַ ביסעל אַנדערש, ווייל עס איז דאָך פאַראַן רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציעס: „אַ קאָנסטיטוציע — וואָלט ער געזאָגט — איז אַזאַ מין אָרדנונג, ווען אין לאַנד ווערט אַרויסגעגעבען אַ גרונד־געזעץ, וועלכעס בעשטימט די יסודות פון די פאָלקס־רעכטע".

נאָר די ביידע ענטפערען זענען נאָך ניט ריכטיג אין ניט גענוג קלאָר; זיי ערקלערען נאָר די אויסווייניגסטע זייט פון דער זאַך. זיי ערקלערען, ווי אַזוי מאַכט מען אַ קאָנסטיטוציע אין צוליעב וועלכע צוועקען, אָבער זיי ערקלערן ניט, וואָס איז אַזוינ'ס די קאָנסטיטוציע זעלבסט, פאַר זיך אַליין; זיי גיבען נאָר אויסווייניגסטע סימנים, דורך וועלכע מען קאָן אַ אונטערשייד מאַכען צווישען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג אין אַנדערע אָרדנונגען, אָבער זיי גיבען ניט קיין קלאָרען ענטפער, וואָס איז דער תוך פון דער קאָנסטיטוציע, אין דעריבער קאָנען מיר נאָך ניט וויסען, צו די אָדער יענע קאָנסטיטוציע איז אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, צו לאָזט זי זיך אויספיהרען אָדער ניט, צו זי איז דויערהאַפטיג אָדער ניט; פריהער דאַרפען מיר וויסען דעם אינהאַלט פון אַ קאָנסטיטוציע בכלל, בכדי דערנאָך זאָלען מיר קאָנען רעדען וועגען אַ בעשטימטע קאָנסטיטוציע אין בעאורטיילען איהר. יענע אַנטוואָרטען פון אונזער יוריסט, וועלכע ערקלערען נאָר די אויסווייניגסטע

ייט פֿון דער קאָנסטיטוציע, קען מען צופּאַסען צו יעדען בויגען פּאַפּיר, אָס אויף איהם האָט זיך אונטערגעשריבען דאָס פֿאָלק צוזאַמען מיט'ן קייזער, אין וואָס מען נעהמט דאָס אָן, אָדער עס איז ערקלערט געוואָרען, פֿאַר אַ קאָנסטיטוציע, אָהן אַ אונטערשייד, וואָס עס שטעהט דאָרט אָנגעשריבען. קודם־כל מוזען מיר פֿאַרשטעהן דעם אינהאַלט פֿון אַ קאָנסטיטוציע בכלל, דערנאָך וועט אונז אַלסדינג קלאָר ווערען.

בכדי אַ קלאָרען ענטפֿער צוגעבען אויף דער פֿראַגע, אין וואָס בעשטעהט דער אינהאַלט פֿון אַ קאָנסטיטוציע, וועלען מיר זיך בענוצען מיט אַ מעטאָדע, מיט וועלכע עס איז זיך בכלל גוט צו בענוצען, ווען מען וויל ערקלערען דייטליך עפּעס אַ זאַך; די מעטאָדע בעשטעהט אין דעם: מיר פֿערגלייכען די זאַך, וועלכע מיר דאַרפֿען ערקלערען, מיט נאָך אַ זאַך, עהנליך מיט איהר, אין זוכען דערנאָך דעם אונטערשייד צווישען זיי בידע. דורכדעם ווערען אונז קלאָר דער יסוד אין די איינצעלהייטען פֿון דער זאַך.

בענוצענדיג זיך מיט אַזאַ מעטאָדע, פֿרעגען מיר: אין וואָס ליגט דער אונטערשייד צווישען קאָנסטיטוציע און געזעץ? אין פֿלוג זענען קאָנסטיטוציע אין געזעץ גלייך צווישען זיך, ווייל אַ קאָנסטיטוציע מוז דאָך אויך האָבען די קראַפֿט פֿון אַ געזעץ, ד. ה., אַ קאָנסטיטוציע איז אויך אַ געזעץ, אָבער אין אמת איז זי מעהר ווי אַ געוועהנליכעס געזעץ; הייסט דאָס, אַז עס איז יאָ דאָ אַ אונטערשייד צווישען זיי. אַסך פֿאַקטען בעווייזען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ אונטערשייד צווישען קאָנסטיטוציע און געזעץ. צום ביישפּיעל, קיינער האָט גאָר ניט געגען דעם, וואָס מען גיט אַ רוים נייע געזעצען; אדרבא, אַלע ווייסען, אַז כמעט יעדעס יאָהר מוזען ווערען ארויסגעגעבען מעהר אָדער וועניגער נייע געזעצען. זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז יעדעס נייע געזעץ מוז ברענגען אַ פֿערענדערונג אין דער געזעצגעבונג, ווי זי איז געוועזען ביז יעצט: נייע געזעצען קומען דורך געוויסע פֿערענדערינגען אינ'ם לעבען און דורך די נייטיגקייט צוצופּאַסען די געזעצען צום לעבען, אונ ווען זיי וואָלטען קיין פֿערענדערונג אין געזעצגעבונג ניט ברענגען, זענען זיי דאָך ניט נוצליך אין מען דאַרף זיי ניט אַרויסגעבען. בקיצור, נייע געזעצען מוזען ברענגען פֿערענדערונגען אינ'ם לעבען, פֿונדעסטוועגען געפֿינט זיך ניט קיינער, וואָס זאָל פּראָטעסטירען געגען דעם, אדער רעכענען דאָס פֿאַר אַ פֿערברעכען. פֿערקעהרט, אַלע פֿערשטעהן, אַז דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון דער רעגירונג, צו מאַכען יעדעס מאָל פֿערענדערונגען אין די געזעצען; און ווי באַלד מען וויל זיך צורירען צו דער קאָנסטיטוציע אין אַ לאַנד מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג און מאַכען אין איהר עפּעס אַ פֿערענדערונג, ווערט אַ געוואַלדיגער געשריי: מען ריהרט אָן אונזער קאָנסטיטוציע!

נאָך מעהר: אין פֿיעל קאָנסטיטוציעס געפֿינען זיך די דאָזיגע בעמערקונגען: „בשום אופֿן טאָר מען ניט מאַכען קיין פֿערענדערונג אין

דער קאָנסטיטוציע״; אָדער: „מען קאָן מאַכֿען אַ פֿערענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע ווען אויף דעם זענען מסכּים צוויי דריטעל פֿון אַלע געזעצ־געבענדע אָרגאַנען, אָדער דאָס רוב פֿון זיי״; אָדער: „אַלע געזעצגעבענדע אָרגאַנען צוזאַמען מיט די רעגירונגס־אינסטיטוציאָנען טאָרען ניט מאַכֿען קיין שום פֿערענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע. אין אויב די רעגירונג בעשליסט מאַכען מאַנכֿע פֿערענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע, מוז זי צוזאַמענרופֿען אַ אומגעוועהנליכֿע אַלגעמיינע פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, וועלכֿע דאַרף בעשליסען, צומאַכֿען פֿערענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע, אָדער ניט״.

פֿון די אַלע פֿאַקטען זעהען מיר, אַז עפּעס אַלע פֿעלקער פֿיהלען אינסטינקטיוו, אַז אַ קאָנסטיטוציע איז ניט גלייך צו אַ פּשוט׳ן געזעץ, זי דאַרף זיין הייליגער, שטאַרקער, אונאָנריהרבאַרער פֿון איהם, על כּן פֿרעגען מיר פֿון דאָס ניי: אין וואָס ליגט דער אונטערשייד צווישען אַ קאָנסטיטוציע און אַ געוועהנליכֿעם געזעץ?

אויף דער פֿראַגע איז מען זיך נוהג צו ענטפֿערען: אַ קאָנסטיטוציע איז ניט פּשוט־אַ־געזעץ, נאָר אַ גרונדליכֿעס, אַ יסוד־געזעץ. עס קאָן זעהר זיין, אַז דאָס איז דער בעסטער ענטפֿער אויף אונזער פֿראַגע, אָבער מיר מוזען זיך אָבשטעלען אין איהם גענויער בעטראַכֿטען, ווייל באמת קאָן מען דאָך אַפֿילו יעצט פֿרעגען אַזאַ מין שאלה: אין וואָס־זשע ליגט דער אונטערשייד צווישען אַ פּשוט׳ן געזעץ אין אַ גרונדליכֿען, אַ יסוד־געזעץ?

לאָמיר פֿריהער בעטראַכֿטען, וואָס הייסט אַ „גרונדליכֿעס געזעץ״, אָדער: מיט וואָס אונטערשיידט זיך אַ גרונדליכֿעס געזעץ פֿון אַ געוועהנליכען, אויב דאָס גרונדליכֿע געזעטץ וועט ערפֿילען זיין אויפֿגאַבע?

אַ גרונדליכֿעס געזעץ ליגט טיפֿער פֿון אַ געוועהנליכֿען, פּשוט׳ן געזעץ: אויף דעם ווייזט דער טיטול „גרונדליכֿעס״; בכדי זיין אַ גרונדליכֿעס, מוז עס זיין אַ גרונד, אַ יסוד פֿאַר אַלע איבריגע געזעצען, ד. ה., עס מוז דורכגעפֿיהרט ווערען אַלס אַ יסוד פֿאַר אַלע איבריגע געזעצען, זיין אַ פֿונדאַמענט פֿאַר זיי.

אַ ערשיינונג, וועלכֿע האָט ניט קיין פֿעסטען יסוד אונטער זיך, וועלכֿע שטיצט זיך ניט אויף קיין שטאַרקען פֿונדאַמענט, איז אַ צופֿעליגע, אַ מקרה־זאַך, בייט זיך יעדעס מאָל, אַמאָל אַזוי און אַמאָל אַנדערש; און פֿערקעהרט, אַ ערשיינונג, וועלכֿע האָט אַ יסוד אונטער זיך, קאָן זיך ניט בייטען, זי מוז פֿערבלייבען אויף אייביג דאָס וואָס זי איז; דער יסוד איהרער וועט ניט דערלאָזען, אַז זי זאָל זיך יעדעס מאָל בייטען און אָננעהמען אַ אַנדער פֿאָרם. בקיצור, ווען מיר זאָגען, אַז אַ געוויסע זאַך האָט אַ יסוד אונטער זיך, הייסט דאָס, אַז זי האָט אַ קראַפֿט, וואָס בעוועגט איהר שטענדיג, די קראַפֿט ווירקט אויף איהר שטענדיג אהן אַ אויפֿהער און לאָזט איהר ניט זיך איבערבייטען.

און ווען מיר זאָגען, אַז די קאָנסטיטוציע איז דאָס גרונד־געזעץ פֿונ׳ם

לאַנד, פֿערשטעהען מיר אונטער דעם בעגריף, אַז די קאָנסטיטוציע איז אַ יסוד פֿאַר די איבריגע, אַלע ערשיינונגען, וואָס קומען פֿאָר אינ'ם לאַנד, זי ווירקט אויף זיי אָהן אַ אויפֿהער, אלע איבריגע געזעצען אין געזעצגעבענדע אינסטיטוציעס שטיצען זיך אויף איהר, אַלס פֿונדאַמענט, אין אַנדערש קאָנען זיי בשום אופֿן ניט ווערען.

אַבער די הויפּט־פֿראַגע איז: צו געפֿינט זיך אין אַ לאַנד אַזאַ כּח, וואָס זאָל אָהן אַ אויפֿהער אַרבייטען אין שטענדיג מַשְׁפִּיעַ זיין אויף אַלע געזעצען, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען, בכדי זיי, די געזעצען, זאָלען זיין דאָס וואָס זיי זענען, און אין געוויסע גרענצען ניט אַנדערש ווערען?

אַזאַ קראַפֿט איז געוויס דאָ אין יעדער לאַנד, דאָס איז: די פֿאַקטישע, ווירקליכֿע געגעזאַטיגע” בעציהונגען, דאָס שייכות צווישען די פֿערשידענע כּחות אין דער געזעלשאַפֿט.

אָט־די ווירקליכֿע פֿאַקטישע בעציהונגען פֿון די פֿערשידענע כּחות אין דער געזעלשאַפֿט איז די שטענדיג־ווירקענדע קראַפֿט, וואָס ווירקט אָהן אַ ויאַפֿהער אויף אַלע געזעצען און געזעצגעבענדע אינסטיטוציאָנען, אַז אין געוויסע גרענצען מוזען זיי זיין, דאָס וואָס זיי זענען יעצט.

מיר ווילען זיך אָבשטעלען, אום גענויער צו ערקלערען דעם ענין מיט אַ ביישפּיל. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען אַזאַ מין צופֿאַל: אין פּרייסען, למשל, ווייסען מיר, אַז אַ געזעץ ווערט אָנגענומען אין בעקומט די קראַפֿט פֿון אַ געזעץ נאָר נאָכֿדעם, אַז עס איז שוין אָבגעדרוקט אין „זאַמלונג פֿון די געזעצען”. די אָריגינאַלען אָבער פֿון די געזעצען ווערען בעהאַלטען אין פֿערשידענע קייזערליכֿע אַרכֿיוועז.

לאָמיר זיך יעצט פֿאָרשטעלען, אַז עס האָט אויסגעבראָכֿען א גרויסע שרפה און עס זענען פֿערברענט געוואָרען אַלע אַרכֿיוען, אַלע ביבליאָטעקען, אַלע בוכֿהאַנדלונגען, בכלל — אַלע ערטער וואו עס האָבען זיך נאָר געפֿונען די טעקסטען פֿון די געזעצען; לאָמיר זיך ווייטער פֿאָרשטעלען, אַז די שרפה האָט אויסגעבראָכֿען ניט נאָר אין איין בערלין, נאָר אין דער גאַנצער מלוכה, און אין גאַנץ פּרייסען געפֿינט זיך ניט מעהר קיינע פּרייסישע געזעצען. זעלבס־פֿערשטענדליך, די לאַנד וועט מוזען שאַפֿען פֿאַר זיך נייע געזעצען.

דאַכֿט זיך, אַז ביי אַזאַ צופֿאַל דאַרף זיין מעגליך, אַרויסצוגעבען נייע געזעצען, וועלכֿע מען וועט אַליין ווילען? — אָבער באמת איז דאָס ניט מעגליך.

אָדער, אַזאַ ביישפּיל. מען טענה'ט: אין פּרייסען געפֿינט זיך יעצט אַ בעפֿעלקערונג פֿון 18 מיליאָן מענשען; צווישען זיי געפֿינט זיך אַ קליינע צאָהל פּריצים ערד־בעזיצער; מיר פֿערשטעהען ניט — טענה'ט מען — פֿאַל וואָס זאָל אָט־די קליינע צאָהל ערד־בעזיצער האָבען אין דער מלוכה

אַזאַ איינפּלוס ריכטיג ווי די גאַנצע איבריגע 18 מיליאָן איינוואָהנער, אַ איינפלוס וואָס דריקט זיך אויס אין דעם, אַז דאָס ביסעל פּריצים האָבען אַ בעזונדער „הערען פּאַלאַטע" און אויף איהר בעשלוס גיט מען איבער אַלע החלטות פון דער „פּאַלאַטע פון דעפּוטאַטען", וועלכע זענען אויסגעקליבען דורך דעם גאַנצען פאָלק, אונד לאָזט זיי ניט דורכפיהרען אין לעבען אפילו ווען זיי זענען זעהר וויכטיג און נויטיג?

עס פערשטעהט זיך, אַז קיין שטאַרקע גיוועהר האבען די פּריצים ניט ביי זיך אין די הענד; זייערע פויערים וועלען זיי געווים ניט קאָנען אָנשיקען אויף וועמען דאָס איז; פאַרקעהרט, גרוים מיה וועט זיי דאַרפען קאָסטען, איידער זיי וועלען זיך זעלבסט ראַטעווען פון די פויערים; נאָר פון דעסטוועגען האָבען די פּריצים ערד־בעזיצער שטענדיג געהאַט און האָבען אויך יעצט אַ גרויסען איינפלוס אויפ'ן „הויף" און אויפ'ן קייזער, און אַ דאַנק דעם קאָנען זיי אוועקשטעלען געגען זייערע פיינד, געגען אַלע וואָס זענען ניט צופרידען מיט זיי, דאָס מיליטער אין די האַרמאַטען, גלייך ווי זיי זאָלען זיין דירעקט ביי זיי אין די הענד.

דאָס אַלעס בעווייזט קלאָר, אַז דער שטאַנד פּריצים ערד־בעזיצער, וועלכע האבן אַ איינפלוס אויפ'ן „הויף" אין קייזער, איז אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ פערקעהרטען צופאַל: דער קייזער און די פּריצים האָבען בעשלאָסען, איינצופיהרען אויפ'ס ניי די אַלטע צעח־אָרדנונג, ניט נאָר אין קליין־ווירטשאַפט, ווי מען האָט שוין געוואָלט מאַכען מיט עטליכע יאָהר צוריק, נאָך אויך אין גרויס־ווירטשאַפט און מאַשינען־פאַבריקאַציע א. ז. וו., ריכטיג ווי עס איז געווען אַמאָל, אין מיטעלאַלטער. עס וואָלט ווערען די אַלטע אָרדנונג, געזעצליך וואָלטען דורכגעפיהרט ווערען גרענצען צווישען פערשידענע טיילען אין ווירטשאַפט, אפילו ווען זיי זענען גלייך איינע צו דער אַנדערע, און קיין פאַבריקאַנט, קיין בעל־מלאָכה וואָלט ניט האָבען דאָס רעכט, צופערנעהמען זיך מיט צוויי פערשידענע טיילען פון איין מלאָכה; צום ביישפּיל, אַ שטוקאַטור (דער וואָס טינקעוועט הייזער) טאָר ניט פערשמירען לעכער אין די הייזער; אַ שמיד און אַ שלאָסער וועלען זיך שטענדיג משפטן, ווי אַמאָל, ניט קענענדיג ריכטיג אָבגרעניצען זייערע מְלָאכות, מיט וואָס מעג זיך בעשעפטיגען נאָר אַ שמיד און מיט וואָס — נאָר אַ שלאָסער. ביי צעח־אָרדנונג איז געווען געזעצליך בעשטימט די צאָהל אַרביט, וואָס יעדער האָט דאָס רעכט אויסצואַרבייטען. און די געזעצען האָבען בעשטימט, אַז שטענדיג און אין יעדער אָרט דאַרף יעדער בעל־מלאָכה האָבען אַ גלייכע צאָהל אַרביטער. עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז צוליעב די צוויי אורזאַכען וואָלט די גרויס־פאַבריקאַציע פון פערבעסערטע טעכנישע מיטעל און פערשידענע מאַשינען קיין קיום ניט געקענט האָבען, וויל די גרויס־פאַבריקאַציע פאָדערט קודם־כל: 1) די צונויפשטעלונג פון

פֿערשידענע טײלען אַרבײט בײ אײנעם, אַ גרויסען פֿאַבריקאַנט, אין די הענד; 2) אַרבײטען מאַסענווײז און פֿרײע קאָנקורענץ, דאָס הײסט, ניט בעשרענקען די צאָהל אַרבײטער.

נו, פֿרעגען מיר, וואָס וואָלט געווען, ווען דער קײזער און די פּריצים וואָלטען דוקא וועלען, אײנצופֿיהרען די צעה־אָרדנונג? —

דאַמאָלס וואָלטען די גרויסע פֿאַבריקאַנטען שליסען זײערע פֿאַבריקען און אַרויס לאָזען זײערע אַרבײטער; דאָס וואָלטען מוזען טהון אויך די דירעקציעס פֿון די אײזענבאַהנען; האַנדעל, ווירטשאַפֿט אין פֿאַבריקאַציע וואָלטען זיך אָפּגעשטעלט; אַגרויסע, אַ שרעקליך־גרויסע צאָהל בעל־מלאָכות וואָלטען — ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג — פֿרײ לאָזען זײערע געהילפֿע; אין אָט־די גרויסע מאַסען וואָלטען אַרומגעהן אין די גאַסען און פֿאָדערען מיט כּעס „אַרבײט און ברויט"; די גרויסע בורזשואזיע וואָלט שטעהן אונטער די מאַסען, שטיצען זײ מיט געלד, בעגײסטערען מיט זײער אײנפֿלוס, אויפֿרײצען מיט רײד, — אין דאַמאָלס וואָלט אויסברעכען אַ שרעקליכע מלחמה צווישען דער רעגירונג און דאָס מיליטער פֿון אײן זײט, און דאָס פֿאָלק פֿון דער אַנדערער זײט. און בשום אופֿן וואָלט דאָס מיליטער ניט געהאַט קײן נצחון.

עס איז אַלזאָ גרינג צו קומען פֿון אונזער בײשפּיל צום בעשלוס, אַז די גרויסע פֿאַבריקאַנטען זענען אויך אַ טײל פֿון דער קאָנסטיטוציע.

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אַז די רעגירונג וועט וועלען אָננעמען מיטלען, וואָס זענען שעדליך פֿאַר די אינטערעסען פֿון די גרויסע באַנקירען; צום בײשפּיל, די רעגירונג וועט ערקלערען, אַז די קײזערליכע באַנק וועט ניט געבען מעהר די גרויסע באַנקירען ביליגען קרעדיט, דאָס הײסט, זי וועט זײ מעהר ניט באָרגען אויף קלײנע פּראָצענט, ווײל סײ־ווי־סײ האָבען שוין די גרויסע באַנקירען גענוג געלד און נויטיגען זיך ניט אין אַזעלכע טובות; פֿאַרקעהרט, די רעגירונג וויל בעסער זעהען שטיצען די געמײנע, באָרגען זײ, כּדי זײ זאָלען קענען עקזיסטירען. וואָס וואָלט דאַמאָלס געווען?

עס פֿערשטעהט זיך, אַז צו קײן רעוואָלוציע וואָלט ניט געקומען, נאָר פֿון דעסטוועגען וועט די רעגירונג זיך ניט בעשליסען דאָס צו טהון. די אורזאַכע דערפֿון איז גאָר פּשוט: די רעגירונג, ווי בעוואוסט, דאַרף היינטיגע צײטען האָבען אָפֿטמאָל אַזוינע גרויסע סומען געלד, אַז דורך צינזען ערלויבט זי זיך ניט אויסצורײסען זײ בײם פֿאָלק; די רעגירונג מוז מאַכען הלוואות, און איהרע אַנלײה־פּאַפּירען, דאָס הײסט, איהרע וועקסלען, מאַכט זי פֿאַר מלוכה־פּאַפּירען. דעריבער מוז זי האָבען באַנקירען, אַז זײ זאָלען איהר מיטהעלפֿען אין אַזעלכע אָפּעראַציעס: די באַנקירען נעהמען צו בײ דער רעגירונג די פּאַפּירען און גיבען איהר געלד, און דערנאָך שטופּען זײ אַרויס פֿון זײערע הענד ביסלעכווײז די פּאַפּירען און צושפּרײטען זײ צווישען פֿאָלק, וואָס עס נעהמט זײ אָן פֿאַר גוט־געלד. אַזאַ אָפּעראַציע דאַרף דויערען אַ געוויסע צײט, און די רעגירונג דאַרף דאָך האָבען די געלד

באַלד אָדער אין אַ קורצע צייט, דעריבער מוז זי אָנקומען צו פֿערמיטלער. די פֿערמיטלער — די באַנקירען — פֿערדינען דערפֿון שיין געלד, ווייל ביי זיי אין די הענד איז דאָך צו מאַכֿן, אַז דער קורס פֿון די פּאַפּירען זאָל זיך הויבען אויף דער בירזע. בקיצור, מיר האָבען געזעהן, אַז די רעגירונג קאָן ניט קומען צו אַ מחלוקת מיט די באַנקירען.

אַלזאָ זעהן מיר, אַז די גרויסע באַנקירען, בכלל — די בירזע, האָבען אויך אַ דעה, דאָס הייסט, זיי זענען אויך אַ טייל פֿון דער קאָנסטיטוציע.

ווען די רעגירונג וואָלט וועלען אַרויסגעבען איין געזעץ, לויט וועלכֿען פֿאַר גְנֵבָה, צום ביישפּיל, וואָס איינער גנבה׳ט, ווערט בעשטראָפֿט זיין פֿאָטער, וואָלט דאָס געזעץ געוויס קיין קיום ניט האָבען, ווייל געגען איהם וואָלטען אויפֿשטעהען די אַלגעמיינע בילדונג, דאָס אַלגעמיינע בעוואוסטזיין. אַלע, אַפֿילו די גרעסטע בעאַמטע, וואָלטען פּראָטעסטירען געגען איהם און ניט לאָזען איהם דורכֿפֿיהרען. דערפֿון זעהען מיר, אַז אין אַ געוויסער מאָס זענען אויך די מדרגה פֿון דער ענטוויקלונג, דאָס אַלגעמיינע בעוואוסטזיין, אַ טייל פֿון דער קאָנסטיטוציע.

וואָס וואָלט געווען, ווען די רעגירונג וואָלט בעשׁלוסען, כּדי צופֿרידען צושטעלען די פּריצים ערד־בעזיצער, די באַנקירען, די גרויסע פֿאַבריקאַנטען און קאַפּיטאַליסטען, צונעהמען ביי די אַרבּיטער און ביי דער קליינער בורזשואַזיע זייער פּאָליטישע פֿרייהייט? — עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אויף אַ געוויסע צייט וואָלט דאָס איהר געלונגען, אַזעלכֿע ביישפּילען זענען שוין פֿאָרגעקומען. ווייטער וועלען מיר וועגען דעם גענויער רעדען.

לאָמיר זיך אָבער פֿאָרשטעלען, אַז מען האָט בעשלאָסען ביי דער קליינער בורזשואַזיע און אַרבייטער צוצונעהמען ניט נאָר זייער פּאָליטישע פֿרייהיט, נאָר אויך זייער פּערזענליכֿע פֿרייהייט, זייערע אַלע רעכֿטע, דאָס הייסט, מען וויל זיי אַלע ערקלערען אלס קנעכֿט, שקלאַפֿען, אזוי ווי עס איז געווען אין אַמאָליגע אַלטע, זעהר אַלטע צייטען. וואָלט מען דאָס אויך געקאָנט דורכֿפֿיהרען? — בשום אופן נישט. דאָס וואָלט מען געוויס ניט קענען דורכֿפֿיהרען, אַפֿילו ווען דאָס זאָל פֿערלאַנגען דער קייזער, די פּריצים מיט דער גרויסער בורזשואַזיע צוזאַמען. דאַן וואָלטען אַלע געזאָגט: „גיכֿער וועלען מיר זיך לאָזען טויטען, איידער צונעמען ביי אונז אונזערע פּערזענליכֿע פֿרייהייט!" די אַרבּיטער, אַפֿילו ווען עס זאָלען ניט פֿערמאַכֿט ווערען די פֿאַבריקען, וועלען אַרויסגעהן אין די גאַסען, די גאַנצע קליינע בורזשואַזיע וועט זיי קומען צו הילף, און זעהר שווער וואָלט מען געקאָנט מְנַצֵחַ זיין אָט־די פֿעראייניגטע אַרמע שטרייטענדע. דערפֿון קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז אין געוויסע צופֿאָלען — חאָטש אין זעהר ווייטע — איז דאָס גאַנץ פֿאָלק אויך אַ טהייל פֿון דער קאָנסטיטוציע.

פֿון דעם אַלעם איז גענוי ערקלערט געוואָרען, וואָס הייסט אַ קאָנסטיטוציע אין אַ לאַנד: קאָנסטיטוציע הייסט: די געגענזייטיגע בעציהונגען פֿון די

פֿערשידענע כחות אין דער געזעלשאַפֿט, זייער שייכות אײנער מיט'ן צווייטען.

דאָס איז די פֿאַקטישע, די אָמת'ע קאָנסטיטוציע, די קאָנסטיטוציע פֿון לעבן. וואָס אָבער איז דאָס, וואָס מען רופֿט אָן געוועהנליך קאָנסטיטוציע, ד. ה., די יורידישע געזעצליכע קאָנסטיטוציע? — נאָך אַלעם, וואָס מיר האָבען שוין ערקלערט, איז לייכט צו פֿערשטעהן און געבען אַ ריכטיגע תשובה אויך אויף דער פֿראַגע.

אָט=די פֿאַקטישע בעציהונגען פֿערשרייבט מען אויפֿ'ן פּאַפּיר, מען דריקט זיי אויס שריפֿטליך, אונ באַלד ווי זיי ווערען פֿערשריבען, ווערען זיי ניט נאָר פֿאַקטישע בעציהונגען, נאָר אויך אַ געזעץ, געזעצגעבענדע אינסטיטוציעס, און דער וואָס איז עובר אויף זיי — ווערט בעשטראָפֿט.

אויפֿ'ן פּאַפּיר שרייבט מען ניט, אַז דער פֿאַבריקאַנט, למשל, אָדער דער באַנקיר זענען אַ טייל פֿון דער קאָנסטיטוציע — ניין, דאָס וואָלט זיין צו גראָב; מען דריקט די זעלבע זאַך אויס אין אַ שענערע, איידעלערע פֿאָרם; אַז מען וויל, צום ביישפּיל, מאַכען, אַז די קליינע צאָהל פֿאַבריקאַנטען אונ קאַפּיטאַליסטען זאָלען האבען אַזאַ כח און איינפֿלוס אויף די ענינים פֿון דער מלוכה, ווי די גאַנצע קליינע בורזשואזיע צוזאַמען מיט די אַרבייטער און פּויערים, וועט מען געווים מורא האָבען אַ רויסצושרייבען דאָס בפירוש, אין אַ קלאָרע פֿאָרם. מען בענוצט זיך מיט אַנדערע מיטלען, וואָס וואַרפֿען זיך ניט אַזוי שטאַרק אין די אויגען: מען גיט אַרויס משונה'דיג פֿאַרדרייטע געזעצען, דורך וועלכע עס איז שווער צו פֿערשטעהן באַלד די ריינע אמת'ע כַוָנָה פֿון דעם. מען גיט אַרויס אַ געזעץ, ווי, צום ביישפּיל, דאָס געזעץ פֿון יאָהר 1849 אין פּרייסען וועגען דריי=קלאַסיגע וואַהלען פֿון די דעפּוטאַטען. לויט דעם געזעץ טיילען זיך אַלע בירגער, וואָס האָבען דאָס וואַהל־רעכט, אויף 3 קלאַסען, ווערליג די צינזען וואָס זיי צאָהלען פֿון זייער פֿערמעגען.

לויט די אָפֿיציעלע ידיעות, וואָס די פּרייסישע רעגירונג האָט צונויפֿ=געזאַמעלט אין 1849־טען יאָהר, תכף ווי עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס געזעץ וועגען דריי=קלאַסיגע וואַהלען, זענען אין גאַנץ פּרייסען געווען 3,255,600 בירגער, וועלכע האָבן געהאַט דאָס וואַהל־רעכט. אָט די בירגער זענען איינגעטיילט געוואָרען אויף די דאָזיגע דריי קלאַסען: 1) 153,808 וואָהלער; 2) 409,945 וואָהלער; 3) 2.691,950 וואָהלער.

מיר זעהען, אז 153,803 זעהר רייכע בירגער (די 1־טע קלאַס) האָבען די אייגענע פּאָליטישע קראַפֿט און איינפֿלוס ווי די 2,691,950 פּשוט'ע בירגער, פּויערים און אַרבייטער (די 3־טע קלאַס), און די 153,808 זעהר רייכע און די 409,945 מיטעלע (2־טע קלאַס) צוזאַמען האָבען פּאָליטישען איינפֿלוס אויפֿ'ן לאַנד דאָפּעלט ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק.

דורך אַזאַ מין געזעץ דערגרייכֿט די רעגירונג איהרע ציעלען, ריכֿטיג ווי זי וואָלט אַרויסשרייבען דייטליך אין גראָבע אויסדריקען: דער רייכֿער האָט 17 מאָל מעהר פּאָליטישע קראַפֿט ווי אַנאַנדערער, פּשוט'ער בירגער, אָדער: דער רייכֿער האָט אַזוי-פֿיעל פּאָליטישע קראַפֿט ווי 17 אַנדערע בירגער.

פֿריהער, איידער מען האָט אַרויסגעגעבען דאָס געזעץ פֿון 1849, האָבען אַלע בירגער, אָהן אונטערשייד צווישען רייכֿע אין אָרימע, געהאַט דאָס וואהלרעכֿט גלייך, ניט מעהר אין ניט וועניגער, דאָס הייסט: זיי האָבען אַלע געהאַט דאָס זעלבע רעכֿט צו נעהמען אַ טייל אין די ענינים פֿון דער מלוכֿה. דאָס בעווייזט, אַז ליידער איז אמת וואָס מיר האָבען פֿריהער געזאָגט, אַז ווען מען וויל, אַוועקנעהמען ביי די אַיינפֿאַכֿע בירגער און די אַרבייטער אַ גרויסע טייל פֿון זייערע פּאָליטישע פֿרייהייט, קאָן מען דאָס זעהר לייכֿט אויספֿיהרען.

און ווען מען וויל מאַכֿען אַין אַ קאָנסטיטוציע אַזאַ מין אָרדנונג, לויט וועלכֿע די קליינע צאָהל פּריצים ערד-בעזיצער האָבען אַזאַ פּאָליטישע קראַפֿט, ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק צוזאַמענגענומען, ד. ה., ווי די אַלע 3 קלאַסען וואָהלער, דאַמאָלס וועט מען געוויס מורא האָבען שרייבען דאָס בפֿירוש, אין גראָבע ווערטער, נאָר מען וועט אַריינשרייבען אין דער קאָנסטיטוציע טאַקי די זעלבע זאַך נאָר מיט אַזאַ נוסח: „די ערד-בעזיצער, די פֿאָרשטעהער פֿון אַמאָליגע מיוחס'דיגע פֿאַמיליעס, שטעלען צוזאַמען די „העררען פּאַלאַטע", און די „פּאַלאַטע פֿון דעפּוטאַטען", ד. ה., די פֿאָרשטעהער פֿונ'ם גאַנצען פֿאָלק, קאָן אָהן איהר הסכּמה קיין זאַך ניט בעשליסען צו טהון". דורכֿדעם גיט מען די ביסעל פּריצים ערד-בעזיצער דאָס רעכֿט, מבטל צו זיין די בעשליסען פֿונ'ם גאַנצען פֿאָלק.

דאָס זעלבע, ווען מען וויל, אַז דער קייזער זאָל האָבען אַזאַ פּאָליטישען כּח אין נאָך מעהר ווי די אַלע דריי קלאַסען וואָהלער, ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק אַפֿילו צוזאַמען מיט די פּריצים ערד-בעזיצער, מאַכֿט מען דאָס אויף אַזאַ אופֿן:

אין 47-טען פּונק פֿון דער פּרייסישער קאָנסטיטוציע שרייבט מען: „דער קייזער ערנאַנט אויף אַלע שטעלען אין דער אַרמעע", און אין דעם 108-טען פּונקט שרייבט מען: „די אַרמעע שווערט ניט צו זיין געטריי דער קאָנסטיטוציע". צוזאַמען מיט דעם פּונקט מאַכֿט מען אַפּשט'ל, לויט וועלכֿען דער קייזער פֿאַרנעהמט אין דער אַרמעע אַ בעזונדער אָרט, ניט גלייך ווי אין אַלע איבריגע מלוכֿה-אינסטיטוציעס, אַז בנוגע צו דער אַרמעע איז ער ניט נאָר אַ קייזער, נאָר עפּיס אַ בעזונדערער, הייליגער מענש און מען קלערט-אויס אַ בעזונדער נאָמען: „קריעגסהעער" הייסט ער. אַדאַנק דעם קאָן ניט די „פּאַלאַטע פֿון דעפּוטאַטען", ד. ה., דאָס פֿאָלק, זיך אַריינמישען אין די ענינים פֿון דער אַרמעע, ניט זאָגען קיין דעה וועגען איהר

אָרגאַניזאַציע און אָרדנונגען, און דאַרף נאָר געבען געלד. און באמת, לויט דעם 108־טען פונקט דאַרף טאַקי אַזוי זיין: ווי באַלד אַז נאָכ'ן געזעץ שווערט ניט די אַרמעע דער קאָנסטיטוציע — אַזוי ווי עס זענען מחויב צו טהון אַלע בעאַמטע און אפילו דער קייזער אַליין — הייסט דאָס, אַז די אַרמעע שטעהט אויסער דער קאָנסטיטוציע און האָט מיט איהר גאָר קיין שייכות ניט; די אַרמעע האָט אַ שייכות נאָר מיט'ן קייזער אַליין, און ניט מיט'ן לאַנד, מיט'ן פאָלק.

דער קייזער ערנאַנט אויף אַלע שטעלען אין דער אַרמעע, און זי געהערט זיך אָן נאָר מיט איהם. דורך דעם גיט מען דעם קייזער פּאָליטישען מאַכט מעהר ווי דעם גאַנצען פאָלק צוזאַמענגענומען, אפילו ווען באמת זאָל דאָס מאַכט פונ'ם פאָלק זיין פופציג מאָל מעהר ווי פון דער אַרמעע. די אורזאַכע דערפון איז זעהר אַ פשוט'ע:

דאָס פּאָליטישע געוועהר פון קייזער'ס מאַכט — די אַרמעע — איז שטענדיג אָרגאַניזירט; יעדע מינוט איז זיי גרייט צום שטרייט; זי איז שטרענג דיסציפּלינירט און ווייסט ווי אויסצונוצען איהרע כחות; די מאַכט פון פאָלק אָבער, חאָטש באמת איז זי פיעל מעהר און גרעסער, דער רצון פונ'ם פאָלק — איבערהויפּט זיין אויפרייסען זיך צום שטרייט, וואָס דאָס קומט שטענדיג דורך אַ שטאַרקען רצון — קאָן קיינמאָל ניט ווערען אָבגעשאַצט לויט די צאָהל פון פאָלק. דעריבער קאָן קיינער, ווער עס וויל פיהרען אַ שטרייט מיט דער אַרמעע, ניט פעסטשטעלען, וויפיעל פון פאָלק וועלען קומען איהם צו הילף. אויסערדעם, דאָס פאָלק האָט ניט דאָס געוועהר פון אַ אָרגאַניזירטען כח, דאָס פאָלק האָט ניט די וויכטיגסטע יסודות פון אַ קאָנסטיטוציע — די האַרמאַטען. אֶמת, דאָס פאָלק גיט געלד אויף קויפען די האַרמאַטען; אֶמת, די האַרמאַטען ווערען געשאַפען און אויסגעבעסערט יעדעס מאָל דורך די קענטניסען פונ'ם פאָלק, דורך דער טעכניק, פיזיק, א. ז. וו., דאָס הייסט, אויף וויפיעל דאָס פאָלק איז מעהר ענטוויקעלט, מעהר געבילדעט, אויף אַזוי פיעל זענען די האַרמאַטען בעסער, נאָר דאָ פאַסט זעהר צו ווירגיל'ס ווערטער: „דו שאַפסט, אָבער ניט פאַר זיך"... די האַרמאַטען ווערען געמאַכט נאָר פאַר דער אָרגאַניזירטער מאַכט, און דעריבער פיהלט דאָס פאָלק אַז ביי אַצוזאַמענשטויס וועלען זיי ניט זיין אויף זיין זייט; פערקעהרט, דער פיינד וועט זיך מיט זיי אויסנוצען געגען איהם. יעצט פערשטעהט מען פאַר וואָס דער קלענערער, נאָר אָרגאַניזירטער כח, הערשט פיעל מאָל איבער אַ גרויסען, נאָר ניט קיין אָרגאַניזירטען פאָלק, כל־זמן דאָס פאָלק האָט ניט אַזאַ מעהרהייט, אַז עס זאָל קאָנען איבערוועגען דעם כח פון דער אָרגאַניזאַציע.

עס איז שוין גענוי ערקלערט געוואָרען ביז יעצט דער אינהאַלט, דער קערן פון די ביידע קאָנסטיטוציעס: די אֶמת'ע, לעבעדיגע קאָנסטיטוציע — די פאַקטישע בעציהונגען צווישען די פערשידענע

כּחות אין דער געזעלשאַפֿט, און די געשריבענע קאָנסטיטוציע.

אַ אֶמת'ע קאָנסטיטוציע האָט יעדעס לאַנד, — דאָס וועט באַלד קלאָר ווערען, יעדע לאַנד מוז האָבען אַ קאָנסטיטוציע, אַ שלעכטע אָדער אַ גוטע, ווייל אין יעדע לאַנד מוז דאָך זיין געגענזייטיגע פֿאַקטישע בעציהונגען פֿון די פֿערשידענע כּחות אין דער געזעלשאַפֿט.

ווען אין פֿריינקרייך, לאַנג פֿאַר דער רעוואָלוציע אין 18-טען יאָהר-הונדערט, האָט דער קעניג לודוויג דער 16-טער אַרויס-געגעבען דען 3 פֿעוורואַל 1776 אַ דעקרעט, וועלכער האָט מבטל געווען די „וועג אָב-גאַבען", ד. ה., אַז די פּויערים זענען מעהר ניט מחויב אַרבייטען אומזיסט אויף די וועגען, מאַכען נייע און אויסבעסערען די אַלטע, און אנשטאַט דעם האָט ער אַרויפֿגעוואָרפֿען אַ געוויסען אָבצאָהל אויף אַלע בירגער, און די פּריצים אויך אין כּלל, — דאַמאָלס האָט זיך דער פֿראַנצויזישער פּאַרלאַמענט אוועקגעשטעלט געגען דעם און האָט געזאָגט: „דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק (ד. ה., די נידריגע קלאַסען) איז מחויב צו צאָהלען פֿערשידענע צינזען און אָבגאַבען ווי מיר ווילען; דעם טייל פֿון דער קאָנסטיטוציע האָט דער קעניג ניט דאָס רעכט איבערצומאַכען".

מיר זעהן, אַז אויך דאַמאָלס, ריכטיג ווי יעצט, האָט מען גערעדט וועגען קאָנסטיטוציע, און נאָך וועגען אַזאַ קאָנסטיטוציע, וואָס דער קעניג האָט ניט דאָס רעכט איהר איבערצומאַכען. אמת, דאַמאָלס איז ניט געווען קיין געשריבענע קאָנסטיטוציע, אויף אַ בויגען פּאַפּיר האָט מען ניט דייטליך אויסגעשריבען אַלע רעכטע פֿון קייזער אונ פֿון פֿאָלק, נאָר דאָס איז געווען אַ לעבעדיגע קאָנסטיטוציע, זי איז געשאַפֿען געוואָרען דורך די פֿאַקטישע לעבענס-בעציהונגען צווישען די פֿערשידענע כּחות אין דער פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿט פֿון מיטעלאַלטער. שוין יענע צייטען איז דאָס פֿאָלק געווען אַזוי אונטערטעניג, אַז מען האָט געקענט אַרופֿוואַרפֿען אויף איהם צינזען און אָבגאַבען וויפֿיעל מען האָט אַליין געוואָלט. מיט די פֿאַקטישע בעציהונגען פֿון די כּחות האָט מען זיך שטענדיג גערעכענט, און דוקא דאַריבער פֿלעגט מען אויפֿ'ן פֿאָלק אַרופֿוואַרפֿען אָבצאָהלען און צינזען אָהן אַ שיעור. אָט די פֿאַקטישע בעציהונגען פֿלעגען בעשאַפֿען פּרעצעדענטען („פּרעצעדענטען" — אַזאַך וואָס ווערט איינמאָל דורכגעפֿיהרט, דער נאָך ווערט עס אַ מִנְהָג, אַ לעבענס-געזעץ), וועלכע האָבען געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין מיטעלאַלטער. דורכדעם, וואָס דאָס פֿאָלק איז געווען פֿאַקטיש אונטערדריקט, פֿערקנעכטעט, האָט מען זיך אָפֿטמאָל ערלויבט אַרויסצוזאָגען די מיינונג, אַז מען קאָן אַרויפֿ-לייגען אויפֿ'ן פֿאָלק פֿערשידענע שווירינקייטען און עס מוז דאָס אַלעס טראָגען אויף זיך. און אין אמת אַריין, אַנדערש האָט גאָר ניט געקאָנט זיין ביי אַזעלכע בעציהונגען. און אַזאַ מיינונג פֿלעגט ווערען אַ פּרינציפּ אַ יסוד אין לעבען פֿון דער מלוכה און איהר געזעצגעבונג, און אויף איהם פֿלעגט מען זיך דערנאָך סומך זיין. אָפֿטמאָל פֿלעגט אַ מיינונג, וועלכער איז אַרויס

געקומען דורך די פּאַקטישע בעציהונגען אין דער געזעלשאַפט, ווערען אויס־געדריקט שריפטליך אויפ׳ן פּאַפּיר, אין דאָס האָט געמאַכט, אַז איינינע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט זענען געוואָרען מיוחסים, בעקומען פערשידענע רעכטע, זכיות, לגאַטעס א. ז. וו.

אָט פון די אַלע פּאַקטען, פּרעצעדענטען, פּרינציפּען, זכיות, לגאַטעס, געזעצען צוזאַמען פלעגט צונויף געשטעלט ווערען די קאָנסטיטוציע פון לאַנד; אָבער אין אמת האָבען זיך אין זיי אויסגעדריקט די פּאַקטישע בעציהונגען פון די פערשידענע כחות אין דער געזעלשאַפט.

אַלזאָ, אַ פּאַקטישע,ווירקליכע קאָנסטיטוציע פלעגען האָבען אַלע לענדער אין אַלע צייטען; אין אונזערע צייטען אָבער — און דאָס דאַרפען מיר שטענדיג דערמאָהנען — איז געוואָרען בעזאָנדערס גרויס די שטרעבונג ניט נאָך די רעעלע, פּאַקטישע קאָנסטיטוציעס, נאָר נאָך די געשריבענע.

אין די נייע צייטען ווערט אין אַלע מלוכות אויסגעשפּראָכען דער פערלאַנג, מאַכען אַ געשריבענע קאָנסטיטוציע, וועלכע דאַרף אין איין דאָקומענט, אויף איין בויגען פּאַפּיר, ארומנעהמען און בעשטעטיגען אַלע אינסטיטוציעס און פערוואַלטונגס־פּרינציפּען פון׳ם לאַנד.

פון וואַנען נעהמט זיך אין די לעצטע צייטען אַזאַ שטרעבונג? — דאָס איז אויך זעהר אַ וויכטיגע פראַגע, און נאָר פון אונזער ענטפער אויף איהר וועט ווערען פערשטענדליך, ווי דאַרף מען זיך נוהג זיין ביים מאַכען אַ נייע קאָנסטיטוציע, ווען קאָן מען זיך בענוצען מיט די אַלטע קאָנסטיטוציעס און, בכלל, ווי דאַרפען מיר זיך אָנקעהרען צו זיי; בקיצור, פון אונזער ענטפער וועט דייטליך ערקלערט ווערען די גאַנצע קונסט און קלוגשאַפט, וועלכע זענען נויטיג, ווען מען קומט מאַכען אַ קאָנסטיטוציע.

על כן פרעגען מיר נאָך אַ מאָל: פון וואַנען נעהמט זיך אין די נייע צייטען די שטרעבונג צו דערגרייכען געשריבענע קאָנסטיטוציעס? וואָס איז די אורזאַכע דערפון?

די אורזאַכע דערפון איז, וואָס אין די אַלטע, פּאַקטישע בעציהונגען פון די כחות אין דער געזעלשאַפט זענען געקומען אין די לעצטער צייט פערענדערונגען; ווען עס וואָלט ניט ווערען קיין פערענדערונג, ווען די פּאַקטישע בעציהונגען אין דער געזעלשאַפט וואָלטען בלייבען ווי אַמאָל — וואָלט דאָך די געזעלשאַפט גאָר ניט פיהלען קיין נויטווענדיגקייט צומאַכען אַ נייע קאָנסטיטוציע; זי וואָלט זיך פערבליבען ביי דער אַלטער, אָדער וואָלט צונויפנעהמען איהרע פערשידענע טיילען אין איין דאָקומענט, אויף איין בויגען פּאַפּיר.

אָבער, ווי אַזוי ווערען דאָס די פערענדערונגען אין די אַלטע בעציהונגען?

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, צום ביישפּיל, אַ מלוכה אין מיטעלאַלטער, זועניג בעזועצט (אין מיטעלאַלטער זענען געוועזן כמעט אַלע מדינות וועניג בעזועצט), ווערט געפיהרט דורך אַ קעניג און האָט אַ קלאַס פריצים, צו וועלכע עס געהערט דאָס רוב ערד אינ'ם לאַנד. ווייל די צאָהל פון די איינוואהנער איז זעהר קליין, קענען זיך נאָר וועניג פון זיי בעשעפטיגען מיט ווירטשאַפט און האַנדעל; אַלע איבריגע, דער גרעסטער טייל, מוזען זיך פערנעהמען מיט אַקערבוי, און מיט פערשידענע פּראָדוקטען ביי ערד-אַרבייט, אונ ווייל כמעט די גאַנצע ערד געפינט זיך אין די הענד פון די פריצים, מוזען די איינוואהנער זיין אונטערגעוואָרפען אונטער זיי אין פערשידענע אופנים. און דאָס ברענגט שוין דער צו, אַז די איינוואהנער מוזען שטיצען די פריצים, פאָלגען זיי, טיילנעהמען אין זייערע מלחמות א. ז. וו. — אויף דעם, וואָס דער פריץ פעראיבעריגט פון זיינע ערד-פּראָדוקטען, האַלט ער ביי זיך אָרגאַניזירטעס מיליטער.

דער קייזער פון זיין זייט האָט ניט קיין אמת'ען, שטאַרקען מאַכט ענטקעגענצושטעלען די פריצים, אויסער צו די זעלבע פריצים, וועלכע זאָגען אַרויס זייער גוטען ווילען — מיט שטרענגע מיטלען קאָן זיך דער קייזער ניט בענוצען בנוגע צו די פריצים — שטעלען זיך אונטער'ן פאָהן פון קייזער'ס חילות, און אויסער זיי אויך אַביסעל איינוואהנער פון די שטעדט.

וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע קאָן זיין אין אַזאַ מלוכה? — געוויס וועט אויך דאָ זיין די קאָנסטיטוציע לויט די אמת'ע, רעעלע געגענזייטיגע בציהונגען פון די כחות אין דער געזעלשאַפט, ווי מיר האָבען שוין ערקלערט.

זי וועט זיין אַ שטאַנד-קאָנסטיטוציע, געוויסע שטאַנדען וועלען האָבען מעהר זכיות און פּריווילעגיעס ווי די אַנדערע, און די הערשענדע וועלען זיין די פריצים; אָהן זייער הסכמה וועט דער קייזער ניט קאָנען בשום אופן אַרופלעגען אויף וועמען עס איז אַ פּרוטה צינזען; נאָכמעהר, בנוגע צו די פריצים וועט דער קייזער נאָר זיין „דער ערשטער צווישען גלייכע“.

און באמת איז אַזאַ קאָנסטיטוציע געוועזן אין מיטעלאַלטער די קאָנס-טיטוציע פון פּרייסען אונ פונ'ם רוב אַנדערע מלוכות.

יעצט לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַזאַ צופאַל: די צאָהל פון די איינוואהנער ווערט גרעסער אונ גרעסער, עס בליהען אויף דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען און מלאָכות, און דאָס אַליין גיט די נויטיגסטע לעבענס-מיטעל, אַז די צאָהל פון איינוואהנער זאָלען זיך קאָנען נאָך מעהר פערגרעסערען. די איינוואהנער הייבען אָן ביסלעכווייז זיך צובעזועצען אין די שטעדט. דער קאַפּיטאַל און געלד-רייכ-קייט ענטוויקלען זיך אין די הענד פון דער בורזשואַזיע און אין די שטעד-טישע צעחען. וואָס וועט יעצט זיין?

די פערגרעסערונג פון דער צאָהל שטאָדטישע איינוואהנער, וועלכע זענען ניט פערבונדען מיט די פריצים און נאָכמעהר — זייערע אינטערעסען זענען גאָר קעגען די אינטערעסען פון די פריצים, איז זעהר וויכטיג פאַר'ן

קייזער. עס ווערט פֿערגרעסערט די צאָהל מענשען, וועלכע זענען פֿעהיג טראָגען געוועהר, מיט וועלכע דער קייזער קאָן זיך אויסניצען בכדי צו דערגרייכען זיינע ציעלען, בעשיצען זיינע אינטערעסען; אַדאַנק די שטיצע און ציניזען פֿון די שטאָדטישע איינוואהנער (זיי האָבען דאָך אַסך צרות געהאַט פֿון די מלחמות דורך די פּריצים איינער מיט׳ן אַנדערען, פֿערלאַנגען זיי געוויס, אַז אין לאַנד זאָל זיין רוהיג, זאָלען געשאַפֿען ווערען אָרדענטליכע סודען א. ז. וו. און דעריבער שטיצען זיי דעם קייזער), קען דער קייזער אָרגאַניזירען, ווען עס איז איהם נויטיג, אַ גרויסע אַרמעע גרעסער און שטאַרקער פֿון דער פּריצישער, און דאַמאָלס הייבט־אָן דער קייזער בעגרענצען מעהר און מעהר די רעכטע פֿון די פּריצים, צונעהמען ביי זיי דאָס רעכט פֿיהרען זעלבשטענדיג מלחמות, צערשטערען זיינע פּאַלאַצען ווען ער בעגעהט עפּעס אַ פֿערברעכען געגען די געזעצען; מיט דער צייט ענטוויקלען זיך די ווירטשאַפֿט, דאָס געלד־רייכקייט און די איינוואָהנער אויף אַזוי פֿיהל, אַז זיי גיבען דעם קייזער די מעגליכקייט, אָרגינאַזירען אַ שטענדיגע אַרמעע און מאַכען אַ סוף מיט דער הערשונג פֿון די פּריצים. דעמאָלס ווערט דער קייזער אינגאַנצען בעפֿרייט פֿון יאָך פֿון די פּריצים.

מיר זעהען דאָ, אַז דורך דעם פֿערענדערונג, וואָס איז געוואָרען אין די פֿאַקטישע בעציהונגען אין דער געזעלשאַפֿט, דאָס הייסט, אין דער קאָנס־טיטוציע, איז געוואָרען איין אַ ב ס אָ ל ו ט ע מ אָ נ אַ ר כ י ע.

דער קייזער נויטיגט זיך שוין מעהר ניט אין געשריבענע קאָנסטיטוציעס, ער האָט אין זיינע הענד די רעיעלע מיטלען פֿון הערשאַפֿט: ער האָט ד י ש ט ע נ ד י ג ע אַ ר מ ע ע, וועלכע איז די אמת׳ע קאָנסטיטוציע פֿון דער געזעלשאַפֿט.

די פּריצים קאָנען שוין מעהר ניט קאָנקורירען אין דעם פֿאַך מיט׳ן קייזער, זיי אַליין הייבען דאָס אָן צו פֿערשטעהן און צו פֿאַנאַנדערלאָזען זייער מיליטער; זיי פֿערגעסען גאָר אינגאַנצען ווי אַמאָל פֿלעגען זיי קאָנען ענט־קעגענשטעהען דעם קייזער; זיי געהען אַוועק און זייערע ווינקעלעך, בעקומען פּענסיע פֿון קייזער און שווייגען.

און דאָס ווירטשאַפֿטליכע לעבען און די מלאָכות ענטוויקלען זיך ווייטער און ווייטער אָהן אַ אויפֿהער, צוזאַמען מיט דעם ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער די צאָהל פֿון די איינוואהנער. דאַכט זיך, אַז דאָס דאַרף אויך זיין נוצליך פֿאַר׳ן קייזער, דורכדעם דאַרף ער קענען נאָך מעהר פֿערגרעסערען און פֿערשטאַרקען זיין אַרמעע און לויערען אַ וו ע ל ט־מ אַ כ ט.

אָבער אין אמת איז ניט אַזוי. אַ ם ענדע ווערט די בורזשואַזיע אַזוי פֿיעל ענטוויקעלט און שטאַרק, אַז די מאַכט פֿון קייזער קאָן זיך שוין מעהר ניט ענטוויקלען, אַפֿילו מיט׳ן הילף פֿון זיין שטענדיגער אַרמעע, און ער קאָן ניט געהן טריט־ביי־טריט צוזאַמען מיט דער מאַכט פֿון דער בורזשואַזיע.

עטליכע ציפערען וועלען דייטליכער ערקלערען אונזערע רייד: אין יאהר 1657 איז געווען די צאהל פון דער בעפעלקערונג אין בערלין 20,000 מענשען. כמעט אין דער זעלבער צייט איז געווען די צאהל פון דער ארמעע 24-30,000.

אין יאהר 1803 איז שוין אין בערלין געווען 153,070 איינוואהנער, און אין 1819, זעכצעהן יאהר שפעטער, — 192,646. אין דער זעלבער צייט איז געווען די צאהל פון דער שטענדיגער ארמעע — 137,639.

אין משך פון 1657 ביז 1819 האט זיך די ארמעע פערגרעסערט, ווי מיר זעהן, פיער מאל אזוי פיעל; אבער אין דער זעלבער צייט איז די צאהל פון דער בעפעלקערונג פערגרעסערט געווארען מעהר ווי ניין מאל אזוי פיעל.

און דאמאלס הייבט זיך אן גאר אנ'אנדער מין ענטוויקלונג: אין יאהר 1846 איז די צאהל איינוואהנער אין בערלין געווען 389,308, בקיצור: לערך פיער הונדערט טויזענד מענשען, דאפעלט ווי אין יאהר 1819; און 27 יאהר שפעטער איז די צאהל איינוואהנער און בערלין פערגרעסערט געווארען מעהר ווי צוויי מאל אזוי פיעל.

און פערקעהרט — די שטענדיגע ארמעע איז בעשטאנען אין יאהר 1849 פון 138,810, און אין יאהר 1819 איז געווען די צאהל פון דער שטענדיגער ארמעע 137,639, דאס הייסט, די ארמעע איז געבליבען שטעהן כמעט אויף איין ארט נית פערגרעסערט געווארען, אין דער צייט ווען די בורזשואזיע האט זיך אזוי גרויס און שטארק ענטוויקעלט.

צוזאמען מיט אזא ענטוויקלונג, הייבט אן די בורזשואזיע צו פיהלען זיך אלס זעלבשטענדיגער פאליטישער כח; און צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער בעפעלקערונג ענטוויקעלט זיך נאך גיכער דאס געזעלשאפטליכעס רייכקייט, שנעל וואקסען קונסט און וויסענשאפט, עס פערשטארקט זיך דאס זעלבסטעוואוסטזיין פון דער געזעלשאפט; און דאס אלעס, ווי מיר האבען שוין ערקלערט, איז אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע. דאמאלס איז די בורזשואזיע מודיע: „איך וויל נית מעהר געפיהרט ווערען דורך דער מאסע, וועלכע האט נית קיין אייגענעם רצון; איך וויל הערשען, און דער קייזער זאל פיהרען מיינע ענינים נאר וועדליג מיין רצון, מיינע וואונשען".

בקיצור: די רעעלע, ווירקליכע בעציהונגען פון דער געזעלשאפט ווערען ווייטער פערענדערט. אדער עס מוז קומען דער 18 מארט 1848 אין פרייסען.

דא זעהט מען, ווי עס איז געשעהען דאס, וואס מיר האבען זיך פארגעשטעלט אין אנהייב פון אונזער ווערק און וואס מיר האבען גערעכענט פאר אונמעגליכעס; מיר האבען זיך פארגעשטעלט א צופאל, ווען די געזעלשאפט האט פערלארען אלע איהרע געזעצען דורך א שרפה: דען 18-טען מארט זענען זיי פערלארען געגאנגען נית דורך קיין שרפה, נאר דורך א שטורעם,

„... דאָס פֿאָלק איז אויפֿגעשטאַנען,
דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן".

ווען אין אַ געזעלשאַפֿט, אַ מלוכה, ברעכט אויס אַ רעוואָלוציע און זי האָט דעם נצחון, דאַמאָלס בלייבן נאָר פּריוואַט־רעכטע פֿון איינצעלנע מענשען, פֿון יעדער מענש בעזונדער; די אַלע געזעלשאַפֿטליכע רעכטע פֿערלירען אַ גאַנצען זייער ווערטה, אָדער זיי בלייבען נאָר אויף אַ ווײַלע, און דערום מוזען בעשאַפֿען ווערען נייע געזעצען.

אָט־אַזוי קומט די נויטווענדיגקייט צו מאַכן אַ געשריבענע קאָנס־טיטוציע; און דער קייזער זעלבסט מוז צוזאַמענרופֿען און בערלין אַ פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, צו בעשטימען די נייע געשריבענע קאָנסטיטוציע, אָדער אויס־גלייכען איהר מיט זיין, דעם קייזערס, ווילען.

אָבער ווי גוט און ווי לאַנג קאָן עקזיסטירען אַגעשריבענע קאָנסטיטוציע?

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אויב די געשריבענע קאָנסטיטוציעס שטימען ניט מיט די פֿאָדערונגען פֿון לעבען, מיט די ווירקליכע בעציהונגען פֿון די כחות און דער געזעלשאַפֿט, מוז ווערען אַ מחלוקת, אַ סכסוך, צווישען לעבען אונ צווישען בויגען פּאַפּיער, וואָס הייסט „קאָנסטיטוציע". די רעיעלע בעציהונגען פֿון די געזעלשאַפֿטליכע כחות זענען מנצח דעם בויגען פּאַפּיער, וועלכער לאָזט נאָר קיין איינדרוק ניט איבער.

וואָס־זשע דאַרף מען טהון? —

קודם־כל דאַרף מען מאַכען ניט קיין געשריבענע, נאָר אַ אמת'ע קאָנסטיטוציע: מען דאַרף מאַכען אַ פֿערענדערונג אין די פֿאַקטישע בעצי־הונגען אין דער געזעלשאַפֿט, איבערמאַכען זיי לטובת דער בורזשואַזיע.

דער 18־טער מאַרט אין פּרייסען האָט בעוויזען, אַז דער כח פֿונ'ם פֿאָלק איז שוין יעצט שטאַרקער, ווי דער כח פֿון דער אַרמעע: נאָך אַלאַנגע אונ אַ בלוטיגע מלחמה האָט די אַרמעע געמוזט זיך אונטערגעגעבען.

מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלערט דעם אונטערשייד צווישען דעם כח פֿון דער אָרגאַניזירטער שטענדיגער אַרמעע און דעם כח פֿון פֿאָלק; מיר האבען בעוויזען, אַז די אַרמעע, וואָס איז קלענער אין צאהל פֿון פֿאלק, קאָן אַ לענגערע צייט פֿיהרען מלחמה איידער דאָס פֿאָלק, ווייל זי איז אָרגאַניזירט און גרייט שטענדיג צום שטרייט אונ דערום קומט איהר אָן גרינגער געווינען אַ נצחון אויפֿ'ן ניט אָרגאַניזירטען פֿאלק, וואָס פֿעראייניגט זיך נאָר אין אונגעוועהנליכע מינוטען אין דער געשיכטע.

מען האָט געדאַרפֿט, צום ביישפּיל, מאַכען, אַז מיליטער־דיענסט זאָל דויערען ניט מעהר ווי זעקס מאָנאַטען, אַצייט, וואָס פֿון איין זייט — ווי עס האָבען שוין בעוויזען די גרעסטע אויטאָריטעטען פֿון דעם פֿאַך — איז גענוג בכדי דער סאָלדאַט זאָל גרונדליך אויס לערנען דאָס מיליטער־בילדונג, און, פֿון דער צווייטער זייט, איז זי גענוג קורץ בכדי זי זאָל ניט

ארויסרייסען פון זיין הארץ דאס בירגערליכע געפיהל און אריינזעצען אין איהם א פאטריאטישען גייסט, א גייסט פון ספּעציעל א קריעגס־מאן.

ווייטער, מען האט געדארפט מאכען, אז אלע נידעריגע אפיצערען זאָלען ניט בעקומען זייערע שטעלעס דורך א בעפעהל פון אויבען, נאר זיי זאָלען אויסגעקליבען ווערען דורכ'ן מיליטער זעלבסט; עס פערשטעהט זיך, אז אויף אזא אופן וואלטען ניט געקאנט ווערען פאר אפיצערען אזעלכע, וועלכע פערהאלטען זיך פיינדליך צום גייסט פונ'ם פאלק.

מען דארף בעשטימען, אז די ארמעע, פאר אלע איהרע עבירות — אויסער דיא וואס זענען נוגע ספּעציעל צו מיליטער־דינסט — זאל געמשפּט ווערען אין א געוועהנליכען בירגערליכען סוד, בכדי דורך דעם זאל זי זיך געוועהנען, צובעטראכטען זיך ווי א טייל פונ'ם פאלק, און ניט ווי א בעזונדערע קאסטע.

מען ברויכט אויך דאס גאנצע געוועהר פון דער ארטילעריע, די הארמאטען, וועלכע דארפען דינען נאר צום שוץ פון לאנד, איבערגעבען, אויף וויפיעל מען וועט זיי ניט ברויכען צו קיין מיליטערישע ציעלען, אין די הענד פון די שטעדטישע פערוואלטונגען, וועלכע זענען אויסגעקליבען דורכ'ן גאנצען פאלק. א טייל פון דער ארטילעריע דארף מען ארגאניזירען פאר א פאלקס־מיליציע, אז אויך די הארמאטען, — אט דער וויכטיגער טייל פון דער קאנסטיטוציע, — זאל זיך געפינען אין דיא הענד פונ'ם פאלק.

דאס אלעס האט מען נאך דער רעוואלוציע פון 18 מארט גאר ניט געטהון, אונ דעריבער איז גאר קיין וואונדער ניט, אז שוין אין נאוועמבער דעם זעלבען יאהר איז די רעוואלוציע פון מארט אינגאנצען פערגעסען געווארען. דאס איז אלעס געשעהן, ווייל מען האט ניט געמאכט קיינע פערענדערונגען אין די פאקטישע בעציהונגען.

די קיסרים דינט מען אסך טרייער, וויא אונז, איינפאכע מענשען. זייערע דינער זענען ניט נאר מענשען מיט שענע מיילער, ווי עס געפינט זיך אפטמאל צווישען די טהוער פאר'ן פאלק: זיי זענען פּראקטישע טהוער, וואס פיהלען שוין, ווי אזוי מען דארף זיך נוהג זיין יעדעס מאל.

הערר פאן־מאנטיפעל איז ניט געוועזן קיין גרויסער רעדנער, אבער ער איז געוועזן א פראקטישער מענש. נאך זיין צוטרייבען אין נאָוועמבער 1849 די פאלקס־פערזאמלונג און דערנאך אז ער האט ארויסגעשטעלט די הארמאטען אין די גאסען, פון וואס האט עס קודם־כל אנגעהייבען? האט ער דען גענומען שרייבען א רעאקציאנערע קאנסטיטוציע? פונקט פערקעהרט. אין דעצעמבער 1848 האט ער געגעבען א גאנץ ליבעראלע קאנסטיטוציע. נאר וואס איז געוועזן דער אינהאלט פון זיין ערשטען בעפעהל?

ער האט קודם־כל אנגעהייבען אבצושוואכען די בירגער, צונעהמען ביי זיי זייער געוועהר. צונעהמען דאס געוועהר ביי די בעזיגטע — דאס איז די

ערשטע אויפגאבע פין דעם בעזיעגער. אויב ער וויל נאר, אז די מלחמה זאל ניט אויס ברעכען יעדע מינוט פון ס'ניי.

מיר האבען ביז אהער געניי ערקלערט דעם בעגריף פון קאנסטיטוציע, און דורך דעם זענען מיר געקומען צו פערשידענע בעשליסונגען. מיר זענען געקומען צו אזעלכע רעזולטאטען, וועלכע זענען פונקט דער הפך פון דעם, וואס מען האט געקענט קלערען אין אונזער פראגע. לאמיר בקיצור מאכען נאך איניגע בעשליסונגען אין אונזער אויספארשונג.

אויבען האבען מיר געזאגט, אז אין יאהר 1848 האט מען ניט פארגענומען קיין זאך פון די נויטיגסטע בכדי צו מאכען א פערענדערונג און די געזעלשאפטליכע כחות, מאכען פון דער ארמעע א פאלקס-ארמעע; אמת, עס איז טאקי געווען אזא פראיעקט און מען האט אפילו געמאכט א התחלה אויך; דורך דעם פראיעקט האט דער מיניסטער געמוזט ארויסגעבען א בעפעהל צו דער ארמעע, אז אלע רעאקציאנערע אפיצערען זאלען ארויס-טרעטען פון איהר.

נאר תכף ווי די בערלינער נאציאנאל-פערזאמלונג האט אנגענומען דעם פארשלאג, האט די גאנצע בורזשואזיע און א האלבע בעפעלקערונג פונ'ם לאנד געמאכט א געשריי: די אויפגאבע פון דער נאציאנאל-פערזאמלונג איז צו מאכען א קאנסטיטוציע, און ניט צופערנעהמען זיך מיט קריעגערייען און סכסוכים מיט'ן מיניסטעריום, פערברענגען די צייט אין אינטערפעלאציעס; מאכט א קאנסטיטוציע, און נאר א קאנסטיטוציע, — אזוי האט מען גע-שריגען און געליארעמט.

אט די גאנצע בורזשואזיע און די איבעריגע, וועלכע האבען געמאכט אזעלכע מיני קולות, האבען באמת נאר ניט געהאט קיין בעגריף, וואס איז אזוינס קאנסטיטוציע.

צונויפשטעלען א געשריבענע קאנסטיטוציע, — דאס איז א זייטיגער ענין, דאס קאן מען מאכען, ווען ס'איז נויטיג, אין צוויי-דריי מעת-לעת, און דאס מאכען א קאנסטיטוציע פאר דער צייט האט קיין נוצען ניט געבראכט.

פערענדערען די אמת'ע, פאקטישע בעציהונגען אין דער געזעלשאפט, ארייננמישען זיך אין די אינסטיטוציעס, וועלכע פיהרען-דורך די געזעצען אינ'ם לעבען, בכדי זיי איבערצומאכען אינגאנצען, אז נאך אמאל זאלען זיי ניט קאנען זיך ענטקעגענשטעלען דעם ווילען פון פאלק, — דאס איז געשטאנען אויפ'ן ערשטען פלאן, דאס האט מען בעדארפט דורכפיהרען גאר צום ערשטען, ווען מען האט נאר געוואלט, אז די געשריבענע קאנסטיטוציע זאל האבען א קיום. און וויל מען האט דאס א'עס ניט געטהון, האט די

נאציאָנאַל-פֿערזאַמלונג ניט געמאַכט קיין קאָנסטיטוציע: די רעגירונג האָט איהר געשלאָסען מיט'ן כח פֿון איהר געוועהר.

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען אַז די נאַציאָנאַל-פֿערזאַמלונג איז ניט געשלאָסען געוואָרען און זי האָט באמת אויסגעאַרבייט אַ קאָנסטיטוציע. וואָלט די קאָנסטיטוציע מאַכען עפּעס אַ פֿעראַנדערונג אין לעבען? — בשום אופן ניט. די פֿאַקטען בעווייזען דאָס. אמת, די נאַציאָנאַל-פֿערזאַמלונג איז געשלאָסען געוואָרען, נאָר דער קייזער אַליין, אויף'ן סמך פֿון די דאָקומענטען, וועלכע זענען איבערגעבליבען פֿון דער נאַציאָנאַל-פֿערזאַמלונג, האָט פֿערעפֿענטליכט דעם 5-טען דעצעמבער 1848 אַ קאָנסטיטוציע, וואָס דאָס רוב פּונקטען איהרע זענען געווען גלייך צו דער קאָנסטיטוציע, וועלכע מיר האָבען געהאַפּט פֿון דער נאַציאָנאַל-פֿערזאַמלונג.

די קאָנסטיטוציע האָט דער קייזער געגעבען מיט זיין אייגענעם ווילען, ער איז דאָך געווען דער מנצח. דאַכט זיך, אַז אַזאַ קאָנסטיטוציע דאַרף זיין מעהר לעבענספֿעהיג, דויערהאַפֿטיג, נאָר באמת איז ניט אַזוי.

ביי איינעם אין גאָרטען וואַקסט אַ עפּעלבוים. איהר האָט אָנגעשריבען אויף אַ צעטעל: „דאָס איז אַ פֿייגענבוים", און האָט דאָס אויפגעהאָנגען אויף'ן עפּעלבוים. וועט דען דערפֿון דער עפּעלבוים ווערען באמת אַ פֿייגענבוים?

געוויס ניט. און ווען אפילו אַרום דעם עפּעלבוים וועלען זיך צונויפֿקלייבען אַלע שכנים און אויסשרייען: דאָס איז אַ פֿייגענבוים, — וועט אַלץ דער בוים בלייבען דאָס וואָס ער איז געווען, און איבער אַ יאָהר וועלען זיך אַלע איבערציינגען: אויף'ן בוים וועלען וואַקסען עפּעל.

אַזוי איז אויך מיט דער קאָנסטיטוציע: דאָס, וואָס ס'איז אָנגעשריבען אויפ'ן בויגען פּאַפּיער, האָט ניט קיין ווערטה, אויב דאָס איז קעגען דעם אמת, דעם לעבען, די פֿאַקטישע בעציהונגען אין דער געזעלשאַפֿט.

אויפ'ן בויגען פּאַפּיער פֿון 5-טען דעצעמבער 1848 האָט דער קייזער אַליין, מיט זיין אייגענעם רצון, מסכים אויף אַ סך הנחות, נאָר אַט די אַלע הנחות זענען געווען געגען דער אמת'ער קאָנסטיטוציע, דעם פֿאַקטישען כח, וואָס דער קייזער האָט אינגאַנצען איבערגעלאָזט ביי זיך אין די הענד. און דעריבער האָט די אמת'ע קאָנסטיטוציע געמוזט קעמפֿען, פֿיהרען אַ מלחמה מיט דער געשריבענער.

און ווירקליך, חאָטש די קאָנסטיטוציע פֿון 5-טען דעצעמבער איז געוואָרען אָנגענומען דורך דער רעוויזיאָנס-פֿערזאַמלונג, האָט דער קייזער באַלד אָנגעהויבען צו מאַכען אין איהר פֿעראַנדערונגען; נאָר אין יאָהר 1850 האָט דער קייזער צונעשוואָרען איהר, און דווקא תיכף נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען איהר איבערצומאַכען אינגאַנצען. פֿון 1850 און ווייטער מאַכט מען יעדעס יאָהר פֿעראַנדערונגען אין איהר. אַ פּאַהן, וואָס איז געווען אין הונדערט מלחמות, האָט ניט אַזוי פֿיעל לעבער, ווי די פּרייסישע קאָנסטיטוציע.

און נאך צו אַ בעשליסונג קען מען קומען. אז מען זעהט א געוויסע פארטיי, וואס איהר אויסרוף איז: „האלטען זיך פעסט אן דער קאנסטיטוציע", דארף מען פערשטעהן, אז אט־די קאנסטיטוציע איז גוסס, און אין קורצען וועט פון איהר קיין זכר ניט בלייבען; קיינמאל וועט איהר אבער ניט העלפען אזעלכע געשרייען, אויב די געשריבענע קאנסטיטוציע שטימט מיט דער אמת'ער, מיט די פאקטישע בעציהונגען פון דער געזעלשאפט, ווייל קיינער וועט דאמאלס גאר ניט וועלען אנריהרען איהר. און דארט וואו מען הערט אזא געשריי, איז א סימן, אז מען האט מורא פאר דער געשריבענער קאנסטיטוציע, ווייל דאס לעבען איז ג ע ג ע ן איהר. אבער אין אזא צופאל וועלען אפילו די געשרייען אויך ניט העלפען. די געשריבענע קאנסטיטוציע מוז פערלארען געהן.

זי מוז פערענדערט ווערען לינקס אדער רעכטס, נאר אבשטעלען זיך אין איהר ערשטער פארם קאן זי ניט; זי ווערט פערענדערט רעכטס: די רעגירונג הייבט אן צו מאכען פערענדערונגען בכדי די קאנסטיטוציע זאל שטימען מיט דער ארגאניזירטע קראפט פון דער געזעלשאפט; נאר דאן שטעלט זיך ענטקעגען די ניט־ארגאניזירטע קראפט פון פאלק און מיט איהר מעהרהייט בעזיעגט זי, און דאמאלס ווערט די קאנסטיטוציע איבערגעמאכט לינקס. אזוי אדער אזוי, נאר אין איהר פארם קאן זי ניט עקזיסטירען.

דאס איז די גאנצע קונסט און חכמה ביים מאכען א קאנסטיטוציע. די קאנסטיטוציאנעלע פראגע איז קודם־כל א פראגע פון קראפט, און ניט פון רעכט. א אמת'ע קאנסטיטוציע פון א לאנד איז די פאקטישע בעציהונגען פון די כחות אין דער געזעלשאפט; א געשריבענע קאנסטיטוציע איז נאר דאן שטארק און האט אַ קיום, ווען אין איהר דריקען זיך אוים די רעעלע, פאקטישע בעציהונגען פון דער געזעלשאפט.

אט־דאס זענען די יסודות, די פרינציפען, דער פונדאמענט פון אלע קאנסטיטוציעס. מיר האבען זיך בעזונדערס אבגעשטעלט אויף דער ארמעע, ווייל דער כח פון דער ארמעע איז דאס וויכטיגסטע, דאס שטארקסטע פון אלע אנדערע ארגאניזירטע כחות; זעלבסטערשטענדליך, אז אלעס, וואס מיר האבען גערעדט וועגען דער ארמעע, קען מען זאגען אויך בנוגע צו די איבריגע ארגאניזירטע כחות פונ'ם לאנד.

אויף דער פראגע, ווי אַזוי דארף מען זיך נוהג זיין ביי'ם מאכען אַ קאנסטיטוציע, איז דא איין ענטפער: דער עיקר איז מאכען פערענדערונגען אין די בעציהונגען פון די כחות אין דער געזעלשאַפט.

דער מאנארכיע דינען ניט קיין מענשען מיט שענע מיילער; איהר דינען פ ר א ק ט י ש ע מענשען, פ ר א ק ט י ש ע טהוערס, און אלע וואס **ווילען מאכען קאנסטיטוציעס דארפען אויך זיין אזעלכע.**

יש להשיג

תמונות קיר מהעבר וההוה של עם ישראל.

התמונות האלה מתארות מחזות שונות מחיי עמנו בעבר והוה, והן עשויות ע"י ציירים אמנים מבני עמנו ונדפסו בחו"ל בתכלית ההידור והיופי באפן ליטוגראפי על נייר משובח מאד בפורמאט גדול התמונות האלה צריכות לקשט ולפאר כל בית איש עברי המכבד את זכרונות עמו.

1) מעשה בראשית
2) דור הפלגה
3) עקדת יצחק
4) רבקה אצל הבאר
5) רבקה ואליעזר
6) יעקב ולבן
7) יעקב ורחל
8) מכירת יוסף
9) אבל יעקב על יוסף
10) יוסף ואשת פוטיפר

11) יוסף פוגש את אביו
12) משה על שפת היאור
13) עקדת יצחק
14) משה
15) אהרן
16) מצרים טובעים בים
17) משה בתפלה
18) נצחון דוד על גלית
19) משפט שלמה
20) מלכת שבא בבואה אל שלמה

21) ירמיהו הנביא
22) על נהרות בבל...
23) דניאל בגוב האריות
24) אסתר בבגדי מלכות
25) אסתר אצל אחשורוש
26) הודית
27) יהודית והולפרנס
28) האנוסים בספרד
29) כותל מערבי
30) מזרח

מחיר כל תמונה 1.50 רובל ועם המשלוח 1.70 רובל.

Книжный магазинъ „ГАЦЕФИРА", Варшава, Налевки 24.

Книжный магазин „ГАЦЕФИРА", Варшава, Налевки 24.